בס"ד / שנה ו' / פרשת מטו"מ / נומער 320

# בלעטל



גיי מיט דיינע פאני מעשיות

ישראל דוד העסקעל

אזוי גערופענער בעל מקובל

אהרן קליטניק

מיין טאטע איז אנגעצויגן

א בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

על דא ועל דארט

אהיים אוי אהיים

# גוטע התחלה
## קיץ תשפ"ז

געהויבענע באזוך פון **הרב ר' שלמה ברוך בלוי שליט"א** בעל מגיה ספרי מוהרא"ש זי"ע ביים בית הדפוס קרית ברסלב ליבערטי.



**בס"ד**

מטו"מ
תשפ"ו

**נומער**
**320**
שנה ו'

| | |
|---|---|
| **06** | היכל הקודש נייעס |
| **08** | אלץ און אלעמען |
| **10** | וועלטליכע נייעס |
| **12** | מעשה פון תפילה |
| **14** | א ווארט צווי |
| **16** | בריוו פון ראש ישיבה |
| **18** | פשרה'לאך |
| **22** | מעשה פון א צדיק |
| **24** | היכל הלכה |
| **28** | געדאנקען |
| **32** | קוק אהער |
| **35** | געשעענישן |








**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב ווייס, ישראל דוד העסקעל, משה אריי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.



מ'פּאָרט צום רבי'ן
ראש השנה תשפ"ז
מאכט א ברכה
אומאן טשאַרטער
מ'פאָרט ארויס פון נוארק
קיין ריישא דינסטאג נאכט
סעפטעמבער 9 1:05am
מ'פארט אהיים פון ריישא
קיין נוארק דינסטאג
סעפטעמבער 14 6:35pm
נסיעה
טראַוועל
845.444.TRVL // NESIAHTRAVEL.COM/UMAN
*sruliHeskel

קול צהלה ורינה

פון טיפן הארצן טוען מיר וואונטשן
בשם אלע תלמידים א הערצליכן

# ברכת מזל טוב

פאר אונזער חשובער

# ראש ישיבה שליט"א
## וזוגתו תחי'

לרגל שמחת
אירוסי בנו

עב"ג הכלה
החשובה תחי'
**בת מוה"ר**
**אברהם הערש**


הבה"ח
נחמן נתן
נ"י
וועבערמאן הי"ו
דער אייבערשטער זאל העלפן דער ראש ישיבה זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט. און ווייטער האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.
וואשטש, קרית ברסלב כלעטל
*sruliHeskel

# היכל הקודש נייעס



## אפדעיטס פון אומאן ראש השנה תשפ"ז מיט "נסיעה טרעוול"

אין א שמועס אויף דער באקאנטער "ברסלב'ע ברידער" אפטיילונג אויף קול ברסלב - אנגעפירט דורך די ברידער מו"ה יואל און מו"ה אברהם הערש וועבערמאן - האבן זיי ארויפגעברענגט דעם טרעוול אגענט מאנשי שלומינו מו"ה אלי קנאל הי"ו, דער אייגנטומער פון דער בארימטער "נסיעה טרעוול" אגענטור, איבערצוגעבן די לעצטע אינפארמאציע איבער דער בעפארשטייענדער נסיעה צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ז.

ר' אלי פארציילט אז "נסיעה טרעוול" האט ארויסגעשטעלט 17 פארשידענע גרופ-רעזערוואציע אפציעס פארן ציבור. די אפציעס נעמען אריין פארשידענע רוטס, אריינגערעכנט מאלדאווע, קראקע, ריישע און נאך, כדי יעדער זאל קענען טרעפן דעם פאסיגסטן און באקוועמסטן וועג.

אויסער דעם פארציילט ער, אז מען ארבעט יעצט אין גרויסן צו צוזאמענצושטעלן - אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן - א טשארטער פליגער ספעציעל פאר אנשי שלומינו. דער פלאן איז, ארויסצופארן דינסטאג שפעט ביינאכט, כדי מען זאל קענען ארויספארן רואיג פונעם שטעטל נאכ'ן לייגן די קליינע קינדער שלאפן, און צוריקצוקומען מוצאי צום גדליה. דער טשארטער וועט בעז"ה פליען דירעקט קיין פוילן (ריישע), און פון דארט וועט מען אי"ה פארן מיט א באן קיין אוקריינע. ר' אלי האט אנגעמערקט אז מ'ארבעט נאך אויף די לעצטיגע פרטים, וויבאלד ער צילט עס צו מאכן וואס ביליגער, און ער האפט ארויסצוקומען מיט קלארע אינפארמאציע גאר בקרוב בס"ד.

מען קען זיך פארבינדן מיט די פירמע פאר סיי וועלכע שאלות אדער צו מאכן רעזערוואציעס אויף זייער וועבסייט NesiaTravel.com, אדער דורכן טעלעפאן ביי 845-444-8785. אין א זייטיגע נאטיץ זאגט ער גוטע נייעס פאר די וואס האבן נישט דאס גאנצע געלט יעצט, אז זיי קענען באשטעלן א טיקעט מיט בלויז א דעפאזיט און עס אויסצאלן מיט פעימענטס ביז חמשה עשר באב.

היי יאר - זאגט ר' אלי' - האט מען נאך א מעלה: וויבאלד ראש השנה קומט נישט אויס גלייך פאר שבת, איז נישטא אזא פרעשור שוין צוריקצוקומען. דאס גיט די מעגליכקייט פאר די וואס קענען אויסווארטן אויף א טאג נאך צום גדלי', ווען מען קען באקומען טיקעטס פאר בעסערע פרייזן.

ר' אלי דערמאנט אז ער ערווארטעט אז פונקט ווי יעדעס יאר, וועלן אין די קומענדיגע צוויי חדשים כסדר ארומגיין שמועות אין די מידיע אז "מען וועט נישט קענען פארן" צוליב די מלחמה אדער אנדערע סיבות. אבער מען דארף זיך נישט דערשרעקן פון די אלע זאכן; מיר זענען שוין געוואוינט אז דאס פאסירט יעדעס יאר. דאס זענען געווענליכע "מניעות" וואס דער סמ"ך מ"ם פרובירט אנצודרייען כדי אפצוהאלטן אידישע קינדער פון קומען צום רבי'ן, אבער בדרך הטבע זעט נישט אויס אז עפעס זאל זיך טוישן, און מען וועט בעזרת השם קענען געהעריג פארן.

**כל העולם כולו תלוי בראש השנה שלי**

גרשון קרעמער




# געהויבענער באזוך פון הרב ר' שלמה ברוך בלוי שליט"א אין בנין פון קרן הדפסה

פארגאנגענעם מיטוואך פרשת פנחס, האבן די מיטארבעטער און עוסקים במלאכת הקודש אינעם "בית הדפוס" אין קרית ברסלב ליבערטי געהאט די זכיה אופצונעמען א חשוב'ן גאסט, הרב שלמה ברוך בלוי שליט"א - דער 'בעל מגיה' פון ספרי מוהרא"ש זי"ע. הרב ר' שלמה ברוך איז געקומען צום באזוך אינאיינעם מיט'ן איבערגעגעבענעם מו"ה יואל הכהן ראזענבערג שליט"א, דער מייסד פונעם בית הדפוס און דער נדבן פונעם בנין הבית הדפוס.

הרב ר' שלמה ברוך שליט"א איז שוין מוסר נפש פאר לאנגע יארן מיט אן אומגעהויערע איבערגעגעבנקייט פאר די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש זי"ע. ער האט פיל עדיטעד, איבערגעקוקט, פארראכטן די דקדוק, און מסדר געווען די ניקוד אויף פילע פון מוהרא"ש'ס ספרים.

איידער זיינע צייטן זענען די ספרים געווען אן קיין ניקוד. ווער עס האט עס שוין אמאל געזען, קען היינט קלאר זען דעם גרויסן חילוק. אלע נייע מהדורות פון "אשר בנחל", די תוספתא וואס דער בית הדפוס האט געדרוקט, אזוי אויך דער ספר "חיי מוהרא"ש" און נאך פילע אנדערע ספרים, קומען היינט ארויס אזוי הערליך און פראכטפול. עס קומט זיך אים א גרויסע הכרת הטוב פאר זיין אומערמידליכער ארבעט און מסירות נפש דורכאויס די יארן.

ביי זיין באזוך אין בית הדפוס, האט מען געזען אויף זיין פנים א געוואלדיגע שמחה און קורת רוח. ער איז ממש אויפגעלעבט געווארן זעענדיג מיט די אייגענע אויגן ווי זיין שווערע הארעוואניע גייט חס ושלום נישט לאיבוד. גייענדיג צווישן די שעלווס, האט ער באמערקט פילע פון די ספרים און קונטרסים אויף וועלכע ער האט אזוי שווער געארבעט, ווי זיי ווערן היינט איבערגעדרוקט אין גרויסע קוואנטומס און ווערן כסדר באנוצט און פארשפרייט צווישן אידישע קינדער.

מיר אלע נעמען ארויס פון דעם א גרויסע התעוררות זיך אויפצופרישן און עוסק זיין אין "הדפסה" און "הפצה". די כוחות וואס א מענטש לייגט אריין אין דרוקן און פארשפרייטן די עצות פונעם הייליגן רבי'ן און פון מוהרא"ש זי"ע, איז די בעסטע אינוועסטמענט וואס א מענטש קען נאר מאכן אויף דער וועלט; א זיכערע אינוועסטמענט וואס ברענגט פירות און רווחים סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט.

מוהרא"ש פלעגט אונז אלעמאל מעורר זיין צו עוסק זיין אין הפצה, און ער פלעגט אונז שטענדיג זאגן אז דאס פארשפרייטן די הייליגע ספרים איז א געוואלדיגער תיקון פארן נשמה. מיר דארפן זיך שטארקן מקיים צו זיין די צוואה פונעם הייליגן רבי'ן, "עוסק צו זיין אנצוטרינקען ביימער".

דער אייבערשטער זאל העלפן אז הרב רבי שלמה ברוך זאל ווייטער האבן כח, ער זאל זיין געזונט און שטארק, און קענען ווייטער אנגיין מיט זיין עבודת הקודש ביתר שאת וביתר עוז, און זען ווייטער פירות פון זיין הייליגע ארבעט להגדיל תורה ולהאדירה.

# אלץ און אלעמען




## ווינט טורביינס

**שאלה**

א גוטן, דא רעדט ליפא איינהארן.
איך האב א שאלה: וואס זענען די גרויסע פענס וואס מ'זעט אויף די הייוועיס ווען מ'פארט קיין אומאן, עס זענען דא ריזיגע פענס וואס דרייען זיך זייער שטאט, און איך וויל וויסן וואס דאס איז.
יישר כח.

## ע נ ט פ ע ר

יישר כח ליפא'לע פאר דיין שיינע שאלה.

מיר האבן טאקע שוין געהאט אן ענליכע שאלה אין אונזער קאלום מיט בערך א יאר צוריק. מיר האבן דאן ערקלערט אז די מאשינען זענען נישט קיין פענס, נאר דאס רופט זיך ווינט טורביינס. דאס זענען מאטארן וואס פראדוצירן עלעקטרישע קראפט דורך דעם וואס דער ווינט בלאזט אויף זיי און דרייט זיי.

לאמיר יעצט אריינגיין אביסל טיפער אינעווייניג אין דעם טורביין און זען וואס דארט טוט זיך, און וויאזוי די עלעקטריציטעט ווערט פראדוצירט. הויך אויפן שטאנג וואס האלט די ריזיגע פליגלען (בלעידס), געפינט זיך א מאשין וואס רופט זיך א דזשענערעיטאר. ווען מען דרייט אזא מאשין, פראדוצירט עס עלעקטריציטעט.

אינדרויסן זענען די פליגלען צוגעטשעפעט אויף א ספעציעלן אופן, אז ווען עס בלאזט א שטארקע ווינט, שטיפט דער ווינט די פליגלען זיי זאלן זיך דרייען, און זיי דרייען דעם אינערליכן דזשענערעיטאר - און אזוי ווערט כסדר געשאפן פרישע עלעקטרישע קראפט.

מען פרובירט געווענליך צו לייגן די טורביינס אין אפענע פעלדער וואו עס בלאזן כסדר ווינטן. אנשטאט די ווינטן זאלן סתם בלאזן אין די וועלט אריין, שטעלט מען דארט אוועק אזא טורביין וואס נעמט ארויס א שטארקע נוצן פונעם ווינט, כדי זיין כח זאל נישט גיין לאיבוד.

פונדערווייטנס קען עס אויסקוקן ווי זיי דרייען זיך זייער שטאט, אבער דער אמת איז אז זיי דרייען זיך גארנישט אזוי פאמעליך. נאר וויבאלד די פליגלען זענען אזוי ריזיג (אסאך מאל איבער 300 פיס לאנג!), זעט עס פשוט אויס פאר די אויגן ווי זיי רוקן זיך שטאט. באמת האבן זיי א מורא'דיגן כח; יעדע אזא טורביין קען פראדוצירן עלעקטרישע קראפט און מאכן ליכטיג פאר טויזנטער שטיבער.

דער הייליגער רבי זאגט אונז (אין ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ס"ו) אז יעדער פון אונז קען אויסנוצן די ווינטן צו באקומען קראפט. אסאך מאל ווען א מענטש פרישט זיך אויף און ער וויל פריש אנהייבן דינען דעם אייבערשטן, אדער ער וויל פארן צום הייליגן צדיק וואס וועט אים אויסלערנען וויאזוי צו דינען דעם אייבערשטן, וועלן פלוצלינג אנהייבן בלאזן שווערע ווינטן און עס וועלן ארויסוואקסן שטיינער אין וועג, וואס וועלן אים מאכן מניעות און חלישות הדעת.

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447

## שאלה

איך בין א מלמד אין חדר, איך שיק דיר דא אריין א שאלה פון א טייערן אינגל פון אונזער קלאס. ער פרעגט אז ער וויל וויסן וואס מיינט דאסווארט "קאמפליצירט", קענסט עס ביטע מסביר זיין אינעם בלעטל?

דער מלמד - יואל טייטלבוים, קרית יואל

## ענטפער



### קאמפליצירט

איז וויכטיג צו וויסן אז די ווינטן בלאזן נישט סתם אזוי "פאר פלעזיר", נאר עס איז דא א פונקטליכע סיבה דערפאר. דער רבי לערנט אונז דעם וויכטיגן כלל: "כְּשֶׁיֵּשׁ מְנִיעָה לְאָדָם הַחֵשֶׁק מִתְגַּבֵּר בְּיוֹתֵר" - די מניעות זענען נאר געמאכט אנצורייצן דעם מענטש ער זאל נאך מער וועלן, און נאך מער בעטן דעם אייבערשטן.

דו קענסט אויסנוצן די התנגדות און די טשעלענדזשעס זיך צו שטארקן.

א גרויסן ישר כח פאר'ן מלמד מומחה מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א, און פאר'ן תלמיד.

דער ענטפער אויף דיין שאלה וואס עס מיינט "קאמפליצירט" איז אזוי: אין פשוטע ווערטער מיינט עס "נישט פשוט". עס זענען דא מענטשן וואס לעבן בתמימות, זיי לעבן מיט פשוט'ע אמונה, פאלגן פלעין די מצוות פון אייבערשטן, זיי ווייסן נישט וואס עס מיינט בכלל "קאמפליצירט". דאס גאנצע לעבן, ווי קאמפליצירט עס זאל נאר נישט זיין, איז ביי זיי פשוט'ער פון פשוט. ביי יעדע זאך איז דא איין און א זייער פשוט'ע עצה: רעדן צום אייבערשטן.

איינער וואס פארגעסט נעבעך פונעם אייבערשטן, איז ביי אים די פשוט'סטע זאך קאמפליצירט. דער רבי זאגט אויפן פסוק "ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה", אז ווען מען הערט נעבעך נישט אויס דעם צדיק, פעלט נעבעך אמונה, און אלעס איז זייער קאמפליצירט.

פשוט רעדן צום אייבערשטן? קען נישט זיין אזוי פשוט! ווילסט מיר זאגן מען קען מתפלל זיין אויף לשון הקודש נאך אלוקי נצור, דאס קען ער נאך הערן. אבער פשוט, נישט קיין חילוק ווען ווער וואו און וויאזוי? פאר דעם דארף מען דעם צדיק, וואס נעמט אוועק יעדע קאמפליקאציע. קענסט רעדן יעצט צום אייבערשטן, אויף דיין שפראך.

זאגן די ווערטער פון די גמרא? אזוי פשוט? איך דארף עפעס מער, עפעס העכערס. אבער אויב מען וועט אויסהערן משה רבינו, וועט דאס לעבן ווערן אסאך מער זיס, וועסט שפירן א טעם אין יעדע ווארט תורה.

זאגן א גוט ווארט פאר א צווייטער איד? דאס איז קינדעריש, צו פשוט. דער צדיק לערנט אונז אויס: רעדן פשוט שיין אינדערהיים, הער אויס. וועסטו זען ווי די שכינה וועט רוען ביי דיר אינדערהיים.

לאמיר אויסהערן דעם צדיק וועלן מיר נישט וויסן וואס קאמפליצירט מיינט.

**האמנתי כי אדבר**

# וועטער



**שווערע היץ-כוואליע נעמט ארום פילע לענדער**

מיליאנען מענטשן איבער אמעריקע, און אזוי אויך אין פילע טיילן פון אייראפע, מוטשען זיך אין די יעצטיגע טעג מיט א שרעקליכע היץ-כוואליע וואס ברעכט פילע רעקארדס.

דער אייבערשטער'ס באדינער, די זון, באקט מיט א מורא'דיגן כח, און די טעמפעראטורן שטייגן גאר הויך ביז די געגענט פון 100 דעגרי פארנהייט (ארום 38 צעלזיוס). רעגירונג אגענטורן ווארענען אז די היץ קען האבן שווערע קאנסקווענצן אויב מען היט זיך נישט דערפון; צום אלעם ערשט טאר מען קיינמאל נישט איבערלאזן א קינד אין א קאר אליינס אפילו פאר איין מינוט, אבער אין אזעלכע וועטערס איז עס ממש א סכנת נפשות.

בכלל איז געראטן אין אזעלכע וועטערס צו בלייבן אינעווייניג ווי מער אין קילע צימערן מיט עיר-קאנדישנס, און נישט פארברענגען אינדרויסן אונטער די ברענעדיגע זון מער וויפיל מען מוז.

איינע פון די גאר וויכטיגע אנווייזונגען איז אז מען מוז טרינקען אסאך וואסער. אין הייסע וועטער שוויצט מען אסאך און דער גוף פארלירט פליסיגקייט גאר שנעל; אויב מען טרינקט נישט גענוג, קען מען חלילה שנעל ווערן דעהיידרעיטעד (אויסגעטרוקנט). זיי זאגן אן אז מען זאל נישט ווארטן ביז מען פילט שוין דורשטיג, ווייל דעמאלטס קען שוין זיין צו שפעט. בפרט איז דאס ביי קינדער און ביי עלטערע מענטשן, וואס שפירן נישט שטענדיג אזוי שנעל אז זיי זענען דורשטיג.

מיר לעבן היינט אויך אין א געפערליכע און שעדליכע רוחניות'דיגע היץ-כוואליע וואס פלאקערט אויף די וועלט. עס ברענט א פייער פון ניאוף, ליצנות, כפירה און מינות. דער סמ"ך מ"ם פאראַרבעט מעשים אונז אלע ארייצוואווארפן אין זיין נעץ פון ראיות אסורות, וואס אויב מען איז אויסגעשטעלט דערצו - אפילו בלויז פאר א קורצע צייט - איז עס זייער געפארפול.

בפרט דארף מען זיך אכטונג געבן פון די "ליצנות פייער" אויב שפעט ער אפ פון א פלאץ וואס ברענגט מיר נענטער צום אייבערשטן, דארפן מיר שטיין גאר ווייט פון אזא מענטש.

וואס איז די עצה דערצו? טרינקען וואסער כדי נישט צו ווערן 'דיהיידרעיטעד'. כדי צו בלייבן געזונט און פריש, דארף מען כסדר טרינקען וואסער און נישט ווארטן ביז מען פילט זיך שוין אויסגעטרוקנט, וואס דאן קען שוין זיין חלילה צו שפעט. אפילו ווען עס גייט דיר גוט, מאך דיר א שיעור יעדן טאג אין די הייליגע ספרים פונעם רבי'ן; טרינק פונעם קוואל, פונעם נחל נובע מקור חכמה. לערן א בריוו אין אשר בנחל אדער עצתו אמונה, דאס וועט דיר האלטן פריש און געזונט, דו זאלסט נישט ווערן דיהיידרעיטעד אין היץ כוואליע.

ווען א מענטש עפנט אויף א ספר פונעם רבי'ן, אדער הערט א שיעור פונעם ראש ישיבה, גיסט ער אריין אין זיך פרישע קאלטע וואסער וואס לעבט אויף זיין נשמה. די הייליגע עצות פון אמונה און שמחה היטן אפ דעם מענטש ער זאל קענעןביישטיין די אלע נסיונות, און עס גיסט אריין אין אים א פרישקייט אין עבודת השם.

וועלטליכע נייעס
מיט די ברסלב'ע
טעם

**גרשון קרעמער**




## ריקאל אויף פארפרוירענע סטראבעריס

עטליכע היימישע פירמעס, וואס שטייען אונטער גוטע השגחות, האבן אין די טעג ארויסגעלייגט א וויכטיגע ריקאל אויף פארפרוירענע סטראבעריס וואס קומען פונעם לאנד פערו און ווערן פארקויפט אין די פריזערס אין אונזערע גראסעריס. די סיבה פונעם ריקאל איז נאכדעם וואס מען האט ליידער געפונען תולעים אין די פראדוקטן.

וויאזוי קען פאסירן אזא זאך ביי א פראדוקט מיט א גוטן הכשר? דער ענטפער איז נישט קלאר, אבער אין די כשרות ליין איז דאס די מציאות: אלעס וואס מען טשעקט פארקויפט מען נישט, און דאס וואס מען טשעקט נישט, פארקויפט מען יא.

פארוואס איז דאס אזוי? אויב א קאמפאני נעמט א קאנטעינער פון, לאמיר זאגן, הונדערט טויזנט סטראבעריס, נעמט מען א סעמפל און מען איז בודק נאר איין אדער צוויי פראצענט. אויב די סעמפל איז ריין און גוט, מאכט דאס א חזקה אויף די איבעריגע אז זיי זענען אויך גוט און ריין. די סטראבעריס וואס מען האט יא געטשעקט קען מען שוין נישט פארקויפן, ווייל מען האט זיי שוין געוואשן, צעריבן און געפאטשקעט, ממילא גייען זיי אין מיסט און מען פארקויפט די אנדערע. צוליב דעם קען אפשר טיילמאל פאסירן אזא זאך. די פירמעס האבן ארויסגעשטעלט א מודעה אז מען זאל אראפנעמען פון די שעלווס אלע סטראבעריס פון פערו, און אויב איינער האט עס שוין געקויפט, זאל מען עס צוריקברענגען אין געשעפט פאר א פולן ריפאנד.

עסן ווערים איז א הארבע זאך; מען איז עובר אויף עטליכע לאווין, און עס איז חלילה מטמטם דעם מוח. דער רמב"ם שרייבט אז אויב מען עסט ח"ו נישט קיין כשר'ע מאכלים, קען מען נאכדעם ח"ו באקומען קשיות אויף די אמונה. מען טאר זיך נישט אליין פסק'ענען און קויפן מאכלים אונטערוועגנס אין א גאז סטעישאן, טראכטנדיג "וואס קען שוין ליגן אין דעם?", ווייל מען קען קיינמאל נישט וויסן אליין וואס פארא אינגרידיענטס די גוייס נוצן אין זייערע מאכלים.

אויב איינער וויל עסן פרישע סטראבעריס, זאגט דער דיין שליט"א קען מען נוצן געשיילטע סטראבעריס, וואס אויף דעם איז נישטא קיין שום שאלה. אפילו ביי פרישע סטראבעריס אן קיין שום הכשר, אויב מען שיילט זיי אפ און מען שווענקט זיי גוט אויס, קען מען זיי רואיג עסן.

אז מען רעדט שוין פון כשרות, האט דער דיין אונז אנצומערקט א זאך וואס נישט יעדער ווייסט: אז פרישע קארן (קארן אויפן קאב) איז פיל מיט ווערים. אינעווייניג צווישן די ציינדלעך געפינען זיך מייטס, טריפס און אנדערע מיני שרצים, און מען טאר דאס נישט עסן אזוי ווי עס איז. אויב מען וויל עסן פרישע קארן, דארף מען אראפשניידן די קערלעך פונעם שטאם, עס אפוואשן אונטער א שטארקע שטראם פון וואסער העכער א זייער, און נאר אזוי מעג מען דאס עסן. בעיבי קארן, אדער רעגולער קארן אין קענס, אדער קארן-און-די-קאב אין די פריזער מיט א פארלעסליכע הכשר, קען מען בעז"ה רואיג עסן, אבער פרישע קארן איז פיל מיט תולעים.

# מעשיות פון תפילה



**אלחנן זויבערמאן** | צפת

מיין טאכטער דארף נעמען א געוויסע מעדיצין ביז איר אפעראציע, און אן די מעדיצין איז עס ממש א סכנה פאר איר חלילה, און די מעדיצין האט א קורצע דאטום דעיט, אזוי אז יעדעס מאל וואס מ'גייט אין פארמעסי דארפן זיי עס ספעציעל באשטעלן; עס נעמט עטליכע טעג ביז עס קומט אן און מ'דארף עס גלייך אויסניצן.

די אפעראציע איז געווען געסקעדזשולט אויף די וואך דינסטאג.

מיר האבן באשטעלט דאס לעצטע פלעשל, וואס לויטן חשבון וואלט עס געדארפט ענדיגן פונקט דעם טאג פון די אפעראציע, ווייל נאכדעם וואלט זי סייווי אנגעהויבן נעמען עפעס אנדערש.

אלעס פיין און וואויל.

נאר וואס דען? מאנטאג - איין טאג פארן אפעראציע - קומט אריין א פאן-קאל אז די אפעראציע איז אפגעשטופט געווארן אויף אן אומבאשטימטן טערמין...

מיר זענען גלייך געלאפן צום פארמעסי, אבער דארט זאגט מען אונז: "איר דארפט צוריק קומען מארגן אינדערפרי עס באשטעלן, און עס וועט ערשט אנקומען דאנערשטאג..."

און וואס וועט זיין מיט די פאר טעג צווישן דינסטאג און דאנערשטאג?

זי מוז עס דאך באקומען דריי מאל א טאג, און אויב נישט איז דאך א פחד חלילה...

מיר האבן מתפלל געווען צום אייבערשטן, און מיר זענען געפארן אין שפיטאל פאר עטליכע פשוטע געוועגליכע בדיקות וואס מ'האט געמאכט אנשטאט די אפעראציע.

דארט האבן מיר געפרעגט דעם דאקטאר וועגן די מעדיצין, צי זיי קענען אונז אפשר געבן אביסל פון זייערס. זיי האבן עס דאך דארט אין סטאק און זיי געבן עס פאר די פאציענטן וואס קומען פאר טריטמענטס.

"ניין!" איז געווען דער ענטפער. "דאס איז נאר פאר אדמיטעד פאציענטן, נישט פאר די וואס קומען נאר פאר טעססס!!"

"וואס זאלן מיר טוהן?" האבן מיר געפרעגט מיט אנגסט.

"ווייס איך נישט, גייטס ענק!"

מיר האבן נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן, און אינמיטן קומט זי ארויס און רופט אויס: "גייט פרעגט פלוני וואס זיצט דארט און דארט."

מיר זענען געגאנגען פרעגן, און יענער זאגט: "ווארטס דא." מ'ווארט און מ'בעט זיך, און נאך אפאר מינוט קומט ער אן מיט א פעקל...

"דא האט איר..."

שכח אייבערשטער.



# געבלאזט אויף מיין הויז אין פיר וואכן!

לייעגר סימפל!

סגולת מוהרא"ש

$500

פארן **קרן הדפסה** און אלע טויערן עפענען זיך

אדרבה

פרובירט עס אליינס אויס פאר סיי וועלכע ישועה אדער צו די צייט פון א שמחה אדער יארצייט זייט מנדב א סכום הגון פארן קרן הדפסה.

רופט שוין דעם גבאי

347.578.4449

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

*sruliHeskel

# א ווארט צוויי

שיקט אריין אייער ווארט צווי צו:
avorttzvei@bletelmagazine.com

**א בילד צוויי**



## באס איז די מעשה

מוסדות קרית ברסלב גרייכט ערלויבעניש זיך צו באניצן מיטן ווארט "פלאטע", נאכדעם וואס זיבן באסעס כ"י שטייען אויסגע'שורה'ט טעגליך, בלויז פאר איין רוט.

"ווען מוהרא"ש זי"ע האט פאראויס געזאגט אז עס וועט נאך ארומפארן א 'ברסלב'ע באס', האט ער געזאגט פאר מוהרא"ש: 'איר חלומ'ט בהקוץ'..."

## "אויב איז דא עפעס אין לעבן וואס איך קען נישט טון ווען א חבר, דאן האב איך נישט קיין חבר, איך האב א שונא."

**גוטזאגער**

**- דער ראש ישיבה שליט"א ביים שיעור פאר די אידישע שטוב פרשת פינחס**

## שחרית מנחה מעריב

**"א אינגערמאן וואס זיצט דא אין בית המדרש האט מיר דערציילט אז ער האט אנגעהויבן א נייע דזשאב, און דער גוי האט אים געפרעגט: 'אנדערע ארבעטער זע איך ווי זיי שטעלן זיך אפ אינמיטן ארבעטן און דרייען ארום א שווארצע בענדל אויף זייער הענט, און זיי דאווענען, פארוואס דו דאווענסט קיינמאל נישט?'..."**

דער ראש ישיבה שליט"א ביי שלש סעודות שב"ק פרשת פנחס, ביים ארומרעדן אז שחרית מנחה מעריב, דאס האלט א מענטש ביי אידישקייט.

**"עס האט מיר דערמאנט די מעשה פון א פרוי וואס איז געקומען צום רב אז זי וויל זיך גט'ן, זי ווייסט נישט וואס צו טון מיט איר מאן, פרייטאג צונאכטס ווען זי צינדט די שבת ליכט זיצט איר מאן אנטקעגן איר און עסט טשולענט. 'וואס איז דער פראבלעם' האט דער רב געפרעגט, האט זי געענטפערט: "וואס הייסט, מיין טאטע פלעגט אנטון תפילין אין אזא הייליגע צייט"...**

זאצן וואס
פארדינען
שטערכלער

• בערל שניצלער

פריטרדיגע

**"זאגט אפילו א קאלטן קאפיטל תהלים, נאר דער עיקר איז זאלט זאגן תהלים."**

- ר' רפאל פון בערשיד זי"ע, תלמיד פון ר' פנחס קאריצער זי"ע, ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט אז מ'דארף דאנקען ר' רפאל וואס האט אריינגעברענגט אין די וועלט אז מ'קען זאגן תהלים אפילו קאלט, אן קיין התעוררות

## אהיים אוי אהיים

דער אפציעלער ברוכים הבאים צום פרישן "על דא ועל דארט" ווינקל אינעם "א ווארט צוויי" שטיבל אין בלעטל איז נישט געקומען פאריגע וואך נאכדעם וואס עס איז סך הכל געווען א פרואוו צו זען אויב דער ציבור איז אינטערעסירט אין אזאנס גלייכן. אבער ווי ס'שיינט, איז די פידבעק (צוריקפיטערונג) געווען זייער פאזעריוו (נאך א פאדקעסטישע ווארט, אייניאיינעם מיט 'אווערנעס', 'דיסקלעימער', 'שאראוט' און 'איך'), האמיר באשלאסן זיך צו לאזן ליינען אויף א וועכנטליכן פארנעם בעזר השם, מיטן ליצנותא דעבודה זרה'דיגן פעדער.

היינט ברויך מען מיטטיילן מיט די ליינער אונזערע, די גלעצנדע בייפאל וואס האט נארוואס אויפגעשיינט אין די אידישע ביזנעס וועלט, ממש גייענדיג צום דרוק איז בייגעפאלן אט דעם רעיון פאר א חסיד'ישער אינגערמאן אין די מעדיקל פעלד.

זיין געדאנק, הער... מיר אלע קענען גוט דעם באקאנטן דאקטערס אפיס וואו מען גייט ווען מ'שפירט נישט גוט, נישט מער געדאכט, און ס'איז נישט גרינג זיך צו שלעפן צום דאקטער. איז ער אויפגעקומען מיטן געדאנק, בעליוו איט אר נאט, אז דער דאקטער, יא יא דער דאקטערס אפיס, הער צו, ער - בכבודו ובעצמו - קומט אראפ, צו דיר אהיים! ס'הערט זיך ווי א ווילד חידוש, און אינטערעסאנט אז אין די לעצטע יאר צוויי איז קיינער נאכנישט אויפגעקומען מיט דעם אייזערנעם געדאנק, אבער יע. ער קומט. אראפ. צו דיר. אהיים.

שטעלט זיך נאר די שאלה אויב ווען מ'דערקענט אז מ'שפירט נישט גוט - בשעת'ן זיצן ביים דאקטער'ס

על דא ועל דארט

אפיס, צו מען דארף זאפארט אהיימגיין און רופן דעם דאקטער צו דיר.

און אינאיינוועגס האט אנגעהויבן שטימען פארוואס דער תנועה "איך וויל אהיימגיין, איי וואנע גאו האום..." זינגט מען זיך אינטער מיט אזא ווארעמקייט. דער דאקטער איז דארט...

אגב, בשעת א אינגערמאן האט ארומגעדרייווד זיין משפחה איז אריינגעקומען דעם אויבנדערמאנטן לידל אין שאפעל, און ער האט זיך גענומען אינטערברימען מיט א בענקשאפט, האט זיין ווייב זיך אנגערופן: "רוב מאל קוקט עס נישט אויס אזוי"...

אבער לאמיר נישט פארקריכן, אט דער דאקטער-קומט-צו-דיר-אהיים סערוויס גייט אן ביי אונז אין שטעטל אויכעט, עס זאל חלילה נישט זיין קיין געגנט ווי מ'קימערט זיך נישט פאר די וואוילזיין פון אירע איינוואוינער. אבער נישט נאר אין די לעצטע יאר צוויי זינט יעדער קאנקורענט וואס עפנט נאך א ביזנעס פון היים'ישע דאקטוירים קומט עס מעלדן ווי דער איינשטיין געדאנק איז זיינער, נאר עס גייט שוין אן זינט קרית ברסלב איז געגרינדעט געווארן, פאר א קנאפע שמיטה יארן צוריק, און מ'קען עס מיטהאלטן יעדן ערב שבת, עד היום.

מ'קען עס מיטהאלטן ווען משב"ק ר' יעקב משה אינדארסקי הי"ו ברענגט דעם עצתו אמונה אינעם שבת פעקל צו מיר אהיים.

טייערע אידן אין אמעריקע, לאמיר עפענען דעם עצתו אמונה, ללמוד לשמור ולעשות, וועט אייך גוט זיין.

"און איך הייל זי" זאגט דער רבי. מיר דארפן זיך נאר לאזן היילן.

*דער ראש ישיבה שליט"א זאגט:*

## איינמאל וועט עס ארויסקומען

"עס קען אדורכגיין אסאך יארן וואס דו וועסט נישט הערן פון דייגע עלטערן אז זיי האבן הנאה פון דיר, אבער איינמאל וועט עס ארויסקומען, וואס זיי וועלן זיך אויסדרוקן אז זיי האבן אסאך נחת פון דיר, ווייל דו ביסט ביים הייליגן רבין."

- שיעור סידור עת רצון, שב"ק פרשת פנחס

# מיין טאטע איז אנגעצויגן און נערוועז



**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעוָואלְט זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק וָואס גֶעבְּן מִיר מַמֶשׁ לֶעבְּן, וּבִפְרַט דִי שִׁיעוּרִים פוּן זוּמֶער אִין קֶעמְפּ, וָואס זֶענֶען גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ וַוארְט אַ גַאנְץ יָאר דֶערוֹיף. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

מַיין טַאטֶע מִיט מַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַסַאךְ כּוֹחוֹת אוּן גֶעלְט אַז דֶער שַׁבָּת זָאל זַיין שֵׁיין אוּן גֶעלוּנְגֶען, אַז יֶעדֶער זָאל זַיין זֵייעֶר צוּפְרִידְן, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ עֶס אָבֶער אוֹיסְגֶעלָאזְט זֵייעֶר נִישְׁט גוּט. מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נֶערְוֶועז דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת, יֶעדֶע מִינוּט הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן קִינְד, אוּן וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער בַּיים טִישׁ, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין שְׁרַייעֶן אוּן מַאכְן אָנְגֶעצוֹיגְן דִי לוּפְט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַלֶעמָאל אִיז עֶר גֶערֶעכְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת אוּן וָואס אִיךְ טוּ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גוּט, אַזוֹי אִיז אַלְץ דִי שַׁבָּתִים אוֹיךְ בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, אַלְץ אִיז אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז צִי אִיךְ דַארְף נָאךְ גֵיין צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּתִים, אַז מַיין וַוייבּ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן צוּזֶען זַיינֶע שַׁבָּת טִישׁ מִיט כַּעַס אוּן נֶערְוֶועז. עֶר פַארְלַאנְגְט אַז מִיר מוּזְן קוּמֶען יֶעדֶע פָאר וָואכְן, וָואס דַארְפְן מִיר צוּ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל אוֹיף אַלֶעס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## עצתו אמונה פנחס תשע"ט

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין טַאטֶע וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע מִצְוָה מְקַיֵים צוּ זַיין, אָבֶער וֶוער עֶס אִיז נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה אִיז זוֹכֶה אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִים צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ אוֹיךְ פִירְן מִיט חוּצְפָּה.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה (סֵפֶר בֶּן יְהוֹיָדָע עַל מַסֶכְתָּא בָּבָא מְצִיעָא דַף לג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטְ'ן טַאטֶע'ן אַן אָרִימַאן, דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלָאפְן אִין גַאס מִיט אַנְדֶערֶע אָרִימֶעלַייט.

וַיְהִי הַיוֹם עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, זֵייעֶר אַ קַאלְטֶע טָאג, וֶוען דֶער אַלְטֶער טַאטֶע אִיז גֶעזִיצְן אִין גַאס פְרִירְנְדִיג פַאר קֶעלְט, אִיז דָארְט אַרִיבֶּער זַיין אֵיינִיקְל - אַ זוּן פוּן דֶעם גְבִיר, הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיינִיקְל: "אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן מִיר שִׁיקְן אַ וַוארֶעמֶע מַלְבּוּשׁ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר קֶעלְט דָא אִין גַאס, דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעבֶּעטְן: "טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיידִי; זֵיידִי בֶּעט אַ וַוארֶעמֶע קְלֵייד", הָאט דֶער גְבִיר גֶעזָאגְט צוּ זַיין זוּן: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיבְן אִין בּוֹידֶעם, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַן אַלְטֶע קְלֵייד וָואס אִיךְ דַארְף סַיי ווִי נִישְׁט, דָאס קֶענְסְטוּ טְרָאגְן פַארְ'ן זֵיידֶע'ן"; דֶער זוּן אִיז אַרוֹיף אִין בּוֹידֶעם אוּן גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטֶע קְלֵייד פוּל מִיט רִיסְן אוּן גְרוֹיסֶע לֶעכֶער. עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שֶׁערְל, אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט דֶעם קְלֵייד אוּן דָאס צֶעשְׁנִיטְן אִין הַאלְבּ. וֶוען זַיין טַאטֶע - דֶער גְבִיר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער זוּן קוּמְט נָאךְ נִישְׁט אַרָאפּ, הָאט עֶר אַרוֹיף גֶעשְׁרִיגְן צוּם בּוֹידֶעם: "וָואס טוּסְטוּ אַזוֹי לַאנְג אִין בּוֹידֶעם? גֵיי שׁוֹין מִיט דֶעם קְלֵייד צוּ מַיין טַאטֶע!" דֶער זוּן הָאט זִיךְ אָבֶּער וַוייטֶער פַארְזוּמְט, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁנַיידְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן אַרָאפּ גֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אֵיין שְׁטִיקְל קְלֵייד, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ צֶעשְׁנִיטְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: "אֵיין שְׁטִיקְל לֵייג אִיךְ אַוֶועק פַאר דִיר, וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ וֶועל אִיךְ דִיר אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען ווִינְטֶער אוּן דוּ וֶועסְט זַיין קַאלְט וֶועל אִיךְ דִיר שִׁיקְן דֶעם צְווֵייטְן חֵלֶק פוּנֶעם קְלֵייד, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, ט): 'מַעֲשֶׂה אָבוֹת - סִימָן לְבָנִים', ווִי אַזוֹי דִי פִירְסְט זִיךְ מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן מִיט דִיר"; הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶערוּפְן זַיין אַלְטְן טַאטֶע'ן, עֶר הָאט אִים אַרַיין גֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דִי מַעֲשֶׂה ווִי אַזוֹי עֶר בְּרֶענְגְט דָאס, מֶער בַּאֲרִיכוּת.

נָאכְ'ן לֵיינֶען דִי מַעֲשֶׂה וֶועסְטוּ שׁוֹין ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דַיין טַאטֶע; אֲפִילוּ דַיין טַאטֶע שְׁרַייט אוּן הַאלְט דִיר פָאר וְכוּ' וְכוּ' וֶועסְטוּ אִים וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין אוּן וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער ווִי אַזוֹי אַ אִיד פִירְט זִיךְ מִיט אַ טַאטֶע. דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

שְׁרַייבּ מִיר נָאךְ, וֶועל אִיךְ דִיר מַדְרִיךְ זַיין אוֹיפְן זִיסְן וֶועג וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז; דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, אַ לֶעבְּן פוּן גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**אַ גוּט שַׁבָּת.**



# פּשרה'לאַך

**א י ן**

*קורצן פון פריער: ר' יעקב יוסף הערמאן שטעלט אויף זיין הייליגע שטוב אין די טמנ'א גאסן פון אמעריקע.*

*פייערט פאר קדושת שבת.*

*מאכט חתונה די קינדער צו ערליכע מענער.*

*שטעלט אויף גרויסע תלמידים.*

***און יעצט ליינט ווייטער.***

יעצט, שטייענדיג אין די ימי בין המצרים ווען מיר טרויערן און בענקען נאכן הייליגן בית המקדש, איז פאסיג צו דערציילן אן אינטערעסאנטע מעשה וואס האט פאסירט ביי ר' יעקב יוסף.

די יונגסטע טאכטער רוחמה דערציילט אין אירע זכרונות, אז זי האט זיך דערוואוסט אז ר' יעקב יוסף שיקט א געהיימע שליחות מיט איינעם פון זיינע תלמידים צום הייליגן חפץ חיים קיין ראדין.

ר ו ח מ ה

איז געווארן זייער נייגעריג צו וויסן דערוועגן, זי איז אריבערגעגאנגען צו איר טאטן און אים געפרעגט: "טאטע, וואס איז די געהיימע שליחות?"

ר' יעקב יוסף, וואס פלעגט איר געווענליך ענטפערן אויף אלע אירע שאלות, האט איר אבער דאסמאל אפגעזאגט: "דאס איז א סוד וואס איך קען נישט דערציילן. איך האב אפילו פאר די מאמען נישט דערציילט דערפון."

צום סוף האבן זיך די פלענער געטוישט, און ר' יעקב יוסף האט פאר עפעס א סיבה נישט געשיקט דעם תלמיד, נאר איבערגעגעבן דעם בריוו פאר זיין זון נחום דוד, און אים אנגעזאגט ער זאל דאס פערזענליך איבערגעבן פארן חפץ חיים.

יארן שפעטער האט ר' נחום דוד אנטפלעקט דעם סוד פון יענע שליחות:

א איד אין ארץ ישראל האט געהאלטן אינמיטן ארבעטן אויף זיין פעלד, ווען פלוצלינג אינמיטן גראבן האט ער געזען אז ער איז אנגעקומען צו אן עפענונג פון א

הייל.

דער איד איז געווארן זייער נייגעריג צו זען וואס עס טוט זיך אפ אונטער זיינע פיס; ער האט גענומען א שטריק, זיך דערמיט אראפגעלאזט און אריינגעקראכן אינעם הייל.

צו זיין איבערראשונג און שרעק, האט ער געפונען אינעם הייל א הערליכע פארמאכטע אוצר-קאסטן וואס האט ענטהאלטן פילע גאלדענע חפצים.

דער איד איז געווען אויסער זיך פון שאק. צוערשט האט ער געטראכט אז אט-אט ווערט ער אן עושר איבערנאכט, אבער נאך עטליכע מינוט וואס ער איז געקומען צו זיך, איז ער צוגעגאנגען נענטער צום אוצר און עס אנגעהויבן באטראכטן פון דער נאנט.

צו זיין שטוינונג האט ער דארט געפונען פילע גאלדענע כלים, ווי געשיר וכדומה, וואס זייער אויסזען האט קלאר געשטימט מיט וואס מיר ווייסן איבער די כלים פונעם בית המקדש, וואס זענען באגראבן געווארן ביים חורבן בית המקדש הראשון.



מ. מאנן 25

אינגאנצן צושטורעמט און דערשראקן, איז דער איד צוריק ארויפגעקראכן און גוט פארמאכט די עפענונג אין דער ערד, ביז עס איז שוין נישט געבליבן קיין שום צייכן.

ער האט אבער נישט געהאט קיין מנוחה. ער האט נישט געוואלט דערציילן דערפון פאר קיינעם, אויס מורא אז מען וועט חלילה מזלזל זיין דערין און די הייליגע כלים וועלן חלילה אריינפאלן אין טמא'נע הענט.

אבער דאך איז עס געווען א צו גרויסער און שווערער סוד צו טראגן אליינס; ער האט געשפירט אז ער מוז דאס דערציילן פאר איינעם, אבער ער האט נישט געוואוסט פאר וועמען.

ער האט ביי זיך אפגעמאכט אז ער וועט דאס נישט דערציילן פאר קיינעם אין ארץ ישראל, האפנדיג אזוי אז דער סוד וועט בלייבן געהיים. דעריבער האט ער זיך ארויסגעלאזט קיין אמעריקע.

ווען ער איז דא אנגעקומען, האט ער זיך נאכגעפרעגט ווער עס ווערט פאררעכנט אלס "א גוטער איד", און מענטשן האבן אים אנגעוויזן אז ער זאל צוגיין צו ר' יעקב יוסף.

דער איד איז אבער צוערשט געגאנגען צו זיינע שיעורים און באטראכט ר' יעקב יוסף פונדערווייטנס. ווען ער האט זיך איבערצייגט אז מען רעדט דא ווירקליך פון אן ערליכן איד און א גרויסן ירא שמים, איז ער איין נאכט אריבער צו ר' יעקב יוסף און אים אנפארטרויעט זיין גרויסן סוד.

נאכדעם וואס ר' יעקב יוסף האט אים אויסגעפרעגט און געפארשט, און פעסטגעשטעלט מיט זיכערקייט אז די געשיכטע איז אמת און עס איז נישט סתם עמיצער וואס טרייבט ליצנות, האט ער געזאגט פארן איד אז דער איינציגסטער צו וועמען מען קען זיך ווענדן מיט אזא מעשה איז צום הייליגן חפץ חיים זי"ע.

דעמאלטס האט ר' יעקב יוסף געשיקט זיין זון נחום דוד מיט א פארזיגלטן קאנווערט צום הייליגן חפץ חיים.

דער חפץ חיים איז שוין דאן געווען אויף די עלטער און האט שוין נישט געקענט ליינען אזוי קלאר, דעריבער האט ער געבעטן נחום דוד זאל אים פארליינען דעם אינהאלט. אזוי ארום האט נחום דוד זיך דערוואוסט פונעם סוד.

דער צדיק האט אויסגעהערט יעדעס ווארט און שטארק אריינגעטראכט דערין.

א שטילקייט האט געהערשט אין שטוב.

נאך עטליכע מינוט האט ער געזאגט פאר נחום דוד'ן אז לויט די שילדערונג איז זייער מעגליך אז דאס זענען טאקע די כלים פון דעם הייליגן בית המקדש.

דער חפץ חיים האט אנגעצינדן א שוועבל און פארברענט דעם בריוו. ער האט אנגעזאגט פאר נחום דוד'ן אז ער זאל דאס פאר קיינעם אויף דער וועלט נישט דערציילן, זאגנדיג: "ווילאנג יענער איד לעבט, וועט דער ענין בלייבן א סוד."

יארן שפעטער, ווען נחום דוד האט זיך אריבערגעצויגן קיין ירושלים, האט ער דערמאנט פאר ר' יעקב יוסף די מעשה. ר' יעקב יוסף האט זיך אנגערופן צו אים: "יענער איד לעבט שוין נישט, און אזוי ווי דער הייליגער חפץ חיים האט געזאגט, איז עס טאקע געבליבן א סוד אזוי לאנג ווי יענער האט געלעבט!"

דער אייבערשטער זאל העלפן אז בקרוב זאלן מיר שוין זוכה זיין צו "והשב כהנים לעבודתם ולווים לשירם ולזמרם, והשב ישראל לנוויהם"...

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*


בעזרת
השם
יתברך
פון טיפן הארצן טוען
מיר וואונטשן א הערצליכן
מזל
טוב
פאר אונזער טייערע חבר גבאי
בתי מדרשים בקרית ברסלב
ליבערטי און ראדאקטער און
ארויסגעבער פונעם וועלט
בארימטן "קרית ברסלב
בלעטל"
*srulHeskel


מו"ה
הערש
הי"ו
וזוגתו תחי'
הכלה תחי'
נחמן
נתן
נ"י
דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפּרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.
ווינטשט,
כרעטל
און די
ראדאקציע

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

# אזוי געראָפענער בעל מקובל (חלק א')

עס איז געווען א יונגערמאן, א צובראכענער איד, וואס האט מיטגעמאכט זייער אסאך צרות.

דער איד האט זיך אנגעטראפן אין א בלאפער וואס האט זיך פארקויפט אלס א גרויסער צדיק און א מקובל וואס קען מאכן אסאך מופתים.

ער פלעגט טיילן פארשידענע סארט קמיעות און סגולות, און פארשטייט זיך אז ער האט גענומען אסאך געלט פאר זיינע אזויגערופענע סגולות און קמיעות. דער צובראכענער איד האט אויסגעגאסן זיין הארץ פאר דעם בלאפער, ער זאל אים העלפן מיט זיין שווערן מצב און מיט זיינע פראבלעמען.

האט דער בלאפער אים געזאגט: "הער זיך צו, געב מיר געלט און איך האב פאר דיר אן עצה וואס וועט דיר ארויסהעלפן פון אלע דיינע פראבלעמען; דו וועסט פשוט פטור ווערן פון אלע דיינע צרות. נעם אן עפל און שרייב דערויף אותיות" – און דער בלאפער האט אים געזאגט פונקטליך וועלכע ווערטער צו שרייבן – "וואס די אותיות זענען קלוימעריש הייליגע שמות. דערנאך זאלסטו נעמען דעם עפל און אים אריינווארפן אין ים, און אזוי וועלן אלע דיינע צרות אריינגעווארפן ווערן אין ים און דו וועסט פטור ווערן פון זיי."

דער צובראכענער איד האט געפאלגט, אבער פארשטייט זיך אז עס האט גארנישט געהאלפן.

איז דער איד געקומען צו מוהרא"ש און דערציילט, אז ער האט אנגעטראפן א גרויסן מקובל, און ער האט אים איבערגעגעבן אלע זאכן וואס יענער האט אים געהייסן טון. האט מוהרא"ש אים געזאגט: "הער מיר גוט צו, דער מענטש איז בכלל נישט הייליג און ער איז ווייט פון א בעל מופת; ער איז א גרויסער שקרן. לאז אים אפ, ווייל ער קען דיר נישט העלפן; ער קען נאר נעמען געלט פון דיר, נישט מער פון דעם."

למעשה האט דער איד נישט געוואלט אננעמען די ווערטער פון מוהרא"ש, און ער איז ווייטער געגאנגען צו דעם בלאפער.

דאס איז ווייל די אזויגערופענע מקובלים האבן גאר א גרויסן כוח צו שלעפן מענטשן צו זיך, און עס איז שווער פאר א מענטש וואס דרייט זיך ארום אזא בלאפער איינצוזען אז דאס איז פאלש.

אינצווישן איז געשען א פאסירונג, אז א איד איז געקומען צו דעם בלאפער און זיך אויסגעוויינט אז זיין ווייב איז שוין עטליכע יאר זייער קראנק רח"ל, און ער האט אים געבעטן: "געב מיר עפעס אן עצה אדער א סגולה זי זאל געהאלפן ווערן און האבן א ישועה."

האט דער בלאפער געזאגט: "יא! איך האב א גוטע עצה! גיי יעדן טאג צום ים המלח, נעם פון דארט אפאר לעפלעך זאלץ און געב עס פאר דיין ווייב, און אזוי וועט זי האבן א רפואה שלימה." דער יונגערמאן איז געגאנגען און געפאלגט, און מיט גרויס טפשות האט ער יעדן טאג געגעבן אפאר לעפלעך פון די שטארקע זאלץ פונעם ים המלח פאר זיין קראנקע ווייב, און ביז אפאר טעג איז די פרוי נעבער געשטארבן.

**פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה**

*שיחות מוהרא"ש חלק ב' ערך צבועים*



דעם הייליגן רבינ'ס

לעבנסגעשיכטע

קס"ז

## פארזעצונג פון פריער:

דער רֶבִּי שִׁיקְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף אַ שְׁלִיחוּת אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַּאר ר' יְהוֹשֻׁעַ פוּן זוּרִין אַ צֶעטְל מִיט שֵׁמוֹת וָואס עֶר זָאל זִיךְ גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, עֶס צוּ גֶעדֶענְקֶען נָאךְ זַיין פְּטִירָה, אוּן דָאס וֶועט אִים הֶעלְפְן. רֶבִּי נָתָן פְּרוּבִּירְט זִיךְ אַיינְצוּחַזְרְ'ן דִי שֵׁמוֹת.

רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר הָאט אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אַיינְצוּחַזְרְ'ן דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר ר' יְהוֹשֻׁעַ, אָבֶּער גְלַייךְ וִוען עֶר הָאט נָאר אִיבֶּערְגֶעטְרֶעטְן דִי שְׁוֶועל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר אַלֶעס פַארְגֶעסְן,

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן צְוֵויי פוּן זַיינֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע תַּלְמִידִים, ר' יוּדְל אוּן ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי אַז עֶר הָאט פַאר זֵיי אַ בַּאהַאלְטֶענֶע שְׁלִיחוּת, אוּן זֵיי זָאלְן זִיכֶער מַאכְן לְמַעַן הַשֵּׁם אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט גֶעוואוּיר וֶוערְן דֶערְפוּן, אוּן אִין דֶעם שְׁלִיחוּת אִיז אָנְגֶעוָוענְדֶעט גֶעוֶוען צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם צְווֵייטְן סֵפֶר, דֶער "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן, אוּן אוֹיךְ הָאט זֵיי דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן קוּנְטְרֵסִים פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן סֵפֶר, וָואס מֶען הָאט יָא גֶעדְרוּקְט, דֶער סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן", אוּן עֶר הָאט זֵיי בַּאפוֹילְן אַרוּמְצוּפָארְן אִין אַסַאךְ שְׁטֶעט, אוּן זָאגְן אִין יֶעדְן שְׁטָאט אַבִּיסְל פוּן דֶעם צְווֵייטְן סֵפֶר, פוּן דֶעם "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", אוּן אוֹיךְ זָאלְן זֵיי אִיבֶּערְלָאזְן אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אַיין בְּלֶעטְל פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן סֵפֶר, סֵפֶר "לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן".

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן גֵיין צוּ הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע אוּן אִים בֶּעטְן צְדָקָה פַאר הַכְנָסַת כַּלָה, אוּן אַזוֹי זָאלְן זֵיי גֵיין צוּ נָאךְ בַּאקַאנְטֶע צַדִיקִים אִין אַסַאךְ שְׁטֶעט אוּן זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה פַאר הַכְנָסַת כַּלָה.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט פַאר ר' יוּדְל עֶר זָאל אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין אוּן בֶּעטְן פַאר זַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, אוּן דַאן הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג.

שְׁפֶּעטֶער אִיז רֶבִּי נָתָן נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאב דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה מִיט דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אִיבֶּערְצוּשְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר [דֶער סֵפֶר הַנִּשְׂרָף]", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט, "דַיין סֵפֶר הָאט אִים שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְצוּטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט".

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי צְוֵויי שְׁלוּחִים וָואס עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, וָואס אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן מִיט דִי "הִיסְט" קְרֶענְק. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר פַאר דִי צְוֵויי שְׁלוּחִים אִין הַאנְט, הָאבּ אִיךְ גֶעוואוּסְט אַז דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף מִיר, עֶר וֶועט זִיךְ פַּארְלֵייגְן אוֹיף דָאס קִינְד, אוּן אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן ר' יוּדְל עֶר זָאל אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַארְ'ן קִינְד".

לְמַעֲשֶׂה אִיז צֶעשְׁטֶערְט גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁלִיחוּת, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוועֶרִיקֵייטְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אוֹיף אַסַאךְ פְּלֶעצֶער הָאט מֶען זֵיי חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַלְס גַנָבִים אוּן בַּעֲלֵי עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זֵיי הָאט גֶעהַאט גֶעפֶּערְלִיכֶע בִּזְיוֹנוֹת, דָאס גֶעלְט הָאט זִיךְ בַּיי זֵיי אוֹיסְגֶענוּצְט אוּן זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין, זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ קְלוֹיבְּן צְדָקָה בַּיי דִי הַייזֶער אָבֶּער מֶען הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן קֶענֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן צוּם סוֹף הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן דִי שְׁלִיחוּת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט צוּרִיק גֵיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וָואלְט מִיר גֶעשִׁיקְט, וָואלְט אִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען בִּיז נָאכְ'ן אוֹיסְפִירְן דֶעם גַאנְצְן שְׁלִיחוּת בִּשְׁלֵימוּת!"

יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וָואס אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוּם עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי יֶעדֶעס יָאר. מִיטְל נַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה, וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן כ"ט).

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# היכל הלכה

## הלכות בין המצרים (חלק ב')

**הקדמה קצרה::** אין שבעה עשר בתמוז האט מען חרוב געמאכט די מויער פון ירושלים [1]. אין תשעה באב איז די ערשטע און די צווייטע בית המקדש חרוב געווארן, (תענית פ"ד מ"ו), די טעג ווערן אנגערופן "בין המצרים" [2]. דעריבער האבן די הייליגע חכמים ז"ל מתקן געווען דיני אבלות אין די טעג, עס ווערט צוטיילט אין פיר [3]: פון שבעה עשר בתמוז ביז ראש חודש [4], פון ראש חודש ביז שבוע שחל בו תשעה באב [דאס מיינט די וואך וואס תשעה באב געפאלט אין דעם] , און וואס נענטער צו תשעה באב איז אלס הארבער.

מען דארף געדענקען וואס חז"ל זאגן, כל ווי ערוועונט בשם ספרים הקדושים אז די כוונה איז נישט מען זאל זיין בעצבות ומרה שחורה חס ושלום, פארקערט ווען עס קומט צו תורה, תפילה, און מצוות זאל מען עס טון מיט מער שמחה פון א גאנץ יאר [5].

### הגהות

1) ועוד ד' דברים כתבנו מזה בחלק א.

2) ע"ש הפסוק (איכה א, ג) כל רודפיה השיגוה בין המצרים, ודרשו חז"ל (איכ"ר א, כ"ט) שמצרים הוא מלשון צרה, שימים אלו הם ימי צרה ויש למזיקין שליטה, ופי' הפסוק בפשוטו הוא שהרודפים השיגו את יהודה כשהגיעו למקום שיש גובה מכאן ומכאן ואין מקום לנוס, ומצרים הי' גבולים של שדה וכרם.

3) כן יוצא משו"ע והפוסקים.

4) בגמרא אינו מוזכר דינים מיוחדים לימים אלו, אבל בגאונים וראשונים הוזכרו כמה דיני אבלות (חכמות אדם כלל קל"ג ס"ח).

5) בשער יששכר (מאמר חודש אדר אות ב') דלכן פי' חז"ל במה ממעטין כדי שלא נסבור ח"ו להיות בעצבות גמור ומרה שחורה ר"ל, ובאמת לא זו הדרך מתלמידי רבינו [הקדוש הריב"ש] הבעש"ט ז"ל והבאים אחריהם, שצריך להיות גם אז באמת בלב נשבר ובכיות על הגלות וחורבן ביהמ"ק, אבל [ח"ו להיות] נעצב לגמרי כמתייאש ח"ו מן הגאולה, כנודע בספה"ק ששמחה הוא חויב מה"ת, ותחת אשר לא עבדת הוי-ה [אלוקיך] בשמחה וגו'.

6) עי' בפרי צדיק (ר"ח אדר אות ט') וז"ל וכבר שאלנו שהרי כמה דורות שהתאבלו על ירושלים ולא זכה לראות בשמחתה בו ואי קאי על תחיית המתים שיעמדו ויראו בשמחתה, וכו' וכו' עי"ש, ואמרנו: שהמכיוון שזוכה ורואה בשמחתה הוא בהווה בזמן הזה על דרך שאמרו ש'כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו.

7) עי' בתפארת שלמה (שמיני עצרת) פי' רואה תיקף עתה בנחמה, כמ"ש בעמק

המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה, (מסכת תענית ל:, בשו"ע סי' תקנ"ד סי' כ"ה) ווער עס טרויערט אויפן חורבן בית המקדש, וועט זוכה זיין צו זען איר נחמה, בפשטות גייט עס ארויף ווען משיח וועט קומען.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערמאנט (ליל שישי פינחס תשפ"ד) בשם צדיקים [6] אז דאס גייט ארויף נאך יעצט אין גלות, אז מען איז זוכה צו שפירן דעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (ברכות לג.) **כל אדם שיש בו דעה כאילו נבנה בית המקדש בימיו,** און וואס מיינט דעה? אתה הראת 'לדעת' כי הוי-ה הוא האלוקים אין עוד מלבדו [7].

**הערה! מיר ברענגען די הלכות וואס קומען צו פון ראש חודש, בנוסף פון די הלכות וואס גייט אן פון שבעה עשר בתמוז וואס איז געברענגט געווארן אין חלק א:**

**א)** משנכנס אב ממעטין בשמחה: פון ראש חודש אב פריידט מען זיך נישט. [8]

**ב)** א איד וואס האט א משפט מיט א גוי, זאל זיך ארויסדרייען פון עס צו מאכן אין חודש אב ביז חמשה עשר באב. [9]

**ג)** מען טוט נישט אן קיין שבת'דיגע קליידער אינדערוואכן (רמ"א תקנ"א סי' א'), עס גייט אויך אן פאר פרויען און מיידלעך.

**ד)** ביי א שמחה וואס מען פירט זיך צו גיין שבת'דיג אגאנץ יאר, מעג מען אויך אנטון אין די ניין טעג (שם) [10] ווי למשל א ברית. [11]

## בנין

**ה)** מען בויט נישט קיין בנין של שמחה, דאס מיינט אויב מען דארף נישט די בנין נאר אויף לרוחה אדער שיינקייט.

**ו)** מען ציט זיך נישט אריין אין א נייע דירה (שו"ת מחזה אברהם ח"ג סי' י"ג).

**ז)** מען מעג שרייבן א קאנטראקט אדער געבן א דיפאזי"ט אויף א נייע דירה. קלאוזע"ן אויף א דירה איז אסור (שו"ת לבושי מרדכי ח"א או"ח סי' ק"א, מקדש ישראל סי' ס').

**ח)** פעינטע"ן סקרעיפ"ן, וואנישע"ן, טוישן פענסטער טירן, איז נכלל אינעם איסור פון בנין של שמחה (מחבר סי' ב'). [12]

**ט)** מען טאר נישט איינפלאנצן קייןביימער און בלומען פאר שיינקייט (שם). [13]

**י)** מען מעג שניידן די גראז (בעל שבט הלוי ז"ל קובץ מבית הלוי ביהמ"ז עמ' י' יא' - שו"ת רבבות אפרים ח"א סי' שע"ד).

## קויפן נייע כלים

**י"א)** נייע חשובע כלים טאר מען נישט קויפן, [14] פשוטע כלים מעג מען יא (לבושי מרדכי ח"ג סי' קפ"ה אות ד').

**י"ב)** טאמער מען וועט עס נישט קענען קויפן נאך תשעה באב אדער יעצט קען מען עס האבן פאר ביליג מעג מען עס יא קויפן (עי' כף החיים ס"ק כ"א עיי"ש).

## באנייען נייע וועש - אנטון פרישע וועש - וואשן וועש - קויפן נייע וועש

**י"ג)** עס איז אסור אנצוטון פרישע וועש און אוודאי נייע (שו"ע סי' ג').

**י"ג)** די הלכות פון בעט געוואנט האט די זעלבע הלכות ווי וועש (מחבר תקנ"א סעי' ג').

**י"ד)** אויב מען האט עס שוין אנגעטון איינמאל פאר דעם, מעג מען עס יא אנטון [15] אויב מען האט עס שוין געטראגן פאר א

## הגהות

המלך, והמעשה מר' אברהם הלוי ע"ש פי' ע"י כלות הנפש שהיה ברצונו למסור נפשו וכל מגמתו לראות בנחמת ציון, והיה מצטער תמיד על גלות השכינה לכן היה רואה תיכף קץ הגאולה וכו' ע"ש.

8) עי' במג"א סי' תקנ"א ס"ק א' דאין שמחין כלל, כש"כ בתוס' פ"ק דבמגילה (ה: ד"ה ממעטין) וכ"כ בא"ר סק"א, ובה"ג סי' י"ח, וסדר רב עמרם גאון (סדר ט' באב כ' מריש ירחא דאב מיבעי ליה לאיניש לשנויי ולא לאבדוחיה נפשיה.

9) הג' אא"ז החתם סופר זי"ע, דלא היה יו"ט לישראל כט"ו באב ואתיא יו"ט ואפסקי' 'ונסו יגון ואנחה וששון ושמחה ישיגו' וכן הוא ביפה ללב (ח"ב או' ג') הובא בכף החיים (סק"ג) שו"ת שנות חיים (ח"א סי' רי"ט) ומשנת יעקב (סק"ב).

10) וז"ל הכף החיים (סק"ז) בא"ד, ונראה דכל מה שכתבתי לענין ברית מילה הה"ד לענין פדיון הבן וכו' ע"ש.

11) ולגבי וואך נאכט מחלוקת בין מורה הוראות, עי' בנ"ג פ' ל"ג דמותר ועי' באוצר הלכות סי' תקנ"א אות י' דאסור, ונהרא נהרא ופשטיה.

12) נכלל במה שכ' המחב', בנין של ציור וכיור.

13) נכלל במה שכ' המחב', מיני הדס, ומיני אוהלים.

14) בערוך השולחן סי' כ' וז"ל ודע שזה שנתבאר בבגדים חדשים הוא הדין לקנות כלים דשים טובים של כסף, וכה"ג, וכן לתן לאומן לעשות כלים יקרים אסור מר"ח.

15) בכף החיים ס"ק צ"א ב' וז"ל ובמקומות שיש הרבה חום בזמן הזה ומזיעין הרבה ומוכרחים להחליף הכתונת, ובפרט נשים, כיצד יעשה? ילבש קודם שבת את הכתונת המכובסות שיש לו, שיעור שעה אחת, ויפשיטנה, ויצעינה ללובשה אחר שבת בתוך שבוע שחל בו ט"ב.

האלבע שעה [16] מעג מען עס שוין אנטון, אפילו מען האט אנגעטון עטליכע קליידער אויף איינמאל איז אויך גענוג [17].

**ט"ו)** אויב מען האט עס נישט אנגעטון, ווערט געברענגט א עצה אין די פוסקים אז מען זאל עס לייגן אויף דער ערד [18].

**ט"ז)** מען מעג נישט אנטון די קליידער אום שבת פאר די וואכן, אלס איסור הכנה, מען קען אבער אנטון וועש ביינאכט, וועש צופרי, און נאכדעם נאכאמאל נאכמיטאג (כף החיים ס"ק צ"א).

**י"ז)** אונטערוועש און זאקן מעג מען טוישן לצורך [19].

**ח"י)** לכבוד שבת קודש טוט מען זיך אן פרישע שבת'דיגע קליידער (רמ"א סי' ג' ס"ק ל"ב) [20].

## קליידער פאר קינדער

**י"ט)** עס איז אסור פאר א גדול צו וואשן וועש פאר א קטן (מחבר סי' י"ד) [21] קינדער וואס מאכן זיך שמוציג כסדר, מעג מען יא וואשן פאר זיי (רמ"א סי' י"ד) [22]. אויב די קינדער מאכן שמוציג די עלטערן, האבן די עלטערנ'ס קליידער די זעלבע דין (כן יוצא לי מעמק התשובה ח"א סימן צ"ב סק"ז עי"ש).

**כ)** עס איז אסור אויפצוהייען נייע קליידער [23].

**כ"א)** עס איז מותר צו געבן פאר א גוי אויפצוהייען כדי עס זאל זיין גרייט אויף נאך תשעה באב (רמ"א סי' ז' ומסיים ומ"מ טוב למעט בזה).

**כ"ב)** מען פירט זיך אז פרויען שטריקן נישט קיין קליידער אדער גארטלער וכדומה, פון ראש חודש און ווייטער (מחבר סי' ח').

## עסן פלייש, טרינקען וויין

**כ"ג)** פון ראש חודש און ווייטער עסט מען נישט קיין פלייש סיי בהמה און סיי עוף, אפילו א מאכל וואס איז געקעכט צוזאמען מיט פלייש עסט מען עס נישט (עי' כ"ז במחבר סי' ט' י' מ"ב ס"ק ס"ג).

**כ"ד)** מען טרינקט נישט קיין וויין און אפילו נישט גרעיפ דזשוס.

**כ"ה)** ביי א סעודת מצוה איז מותר צו טרינקן וויין און עסן פלייש, למשל א ברית מילה, פדיון הבן, סיום מסכת (רמ"א סי' י' ומסיים דבשבוע שחל בו, אין לאכול בשר ולשתות יין אלא מנין מצומצם).

**כ"ו)** דער מנהג ביי אונז איז אז די וויין פון הבדלה טרינקט מען אליינס אויס [24].

## זיך וואשן - באדן - שווימען

**כ"ז)** מען מעג זיך נישט וואשן א חלק פון די קערפער מיט ווארעם וואסער, די גאנצע קערפער מעג מען נישט אפילו מיט קאלטע וואסער.

**כ"ח)** אויב איינער איז געווארן שמוציג, אדער שוויצט, אדער אויב עס איז זייער הייס אינדרויסן, איז מותר אבער מיט לוילעך וואסער [25].

**כ"ט)** א איסטניס מעג זיך וואשן כפי הצורך, און עס ווערט געברענגט אין די פוסקים אז אפילו איינער האט א היתר זיך צו וואשן זאל ער עס טון בצנעה [26].

**ל)** מען מעג זיך טובל'ן אין מקוה (עי' כף החיים ס"ק צ).

**ל"א)** וואשן די ערד - פלאר, סתם אזוי מעג מען נישט [27] אויב עס איז שמוציג מעג מען, אזוי אויך איז מותר לכבוד שבת.

### הגהות

16) הליכות אבן ישראל עמ' של"א של"ב.

17) דעת קדושים (הל' אבילות סי' שפ"ט סק"ג).

18) כן הוא בלחם הפנים, (קו"א יו"ד סי' שע"ו) הובא בכרם שלמה (יו"ד סי' שפ"ט) לענין אבל, ובשו"ת מנחת יצחק, ובשו"ת תשובות והנהגות ח"ה סי' ק"ע לבימ"צ.

19) לשון ראיתי בספ' נט"ג פל"ד או' ה' ואו' ו', עי"ש מעיקר הדין לדבריו.

20) עי' כף החיים סקי"ג, דבר נאה ומתקבל בענין זה.

21) מ"ב סקפ"א דקטנים נמי שייך בהו חינוך אי משום אבילות אי משום ע"נ, עי' בשער הציון ס"ק צ"א נ"מ בין הטעמים.

22) עד בן ג' ד' מותר, כ"ה בלבוש סי"ד, ובפמ"ג (א"א סקל"ח).

23) ישנים מותר כן נראה מפשטות הפוסקים, ב"ח מחמיר בישנים.

24) בעצם ד' מחב' להקל בסי' י', וד' רמ"א להחמיר, אבל בחסידים נוהגין בזה כד' המחבר, וכן נהג הרה"ק מסאטמאר זי"ע משנת יעקב סקל"א, וגם נהג הגה"ק בעל מנחת אלעזר זי"ע חזו"א (אורחות רבינו ח"ב עמוד קל"ה, ועוד גדולי ישראל נהגו כן.

25) שו"ת שבט הלוי (ח"ז סי' ע"ז או' ב').

26) עמק התשובה (ח"א סי' צ"ב סק"ז, דברי יציב ח"ב סי' רל"ז).

27) כ"כ בעמק התשובה, (ח"א סי' צ"ב סק"ז, וכ"כ בשו"ת משיב דברים, שו"ת כפי אהרן, ועוד).

בס"ד

CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND

# Stay Connected

## WITH PROTEK

### TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE

BRAND NEW AVAILABLE!



KYOCERA DuraXV

FROM $325



KYOCERA DuraXV EXTREME

FROM $330

HOT!! BRAND NEW AVAILABLE!



KYOCERA CADANCE

$300

REG. $350

FREE! YIDDISH KEYPAD STICKERS



TCL FLIP 2

FROM $95

FREE CASE



WONDER PHONE (Waze on car screen)

$399



LETAHER WAZE

$349



TAK PHONE (Waze on car screen)

$275

REG. $330



BLISS B1

$130

FREE! POWER BANK



POM PHONE TALK ONLY / TALK & TEXT

$370

FREE! POWER BANK



POM CLASSIC TALK ONLY / TALK & TEXT

$289

UNLOCKED



LG CLASSIC FLIP

$210

REG. $240

MP3

over 40 options available!

call us for advice

HOT!!



SAMVIX X9200

$269

Optional: No video playback



SAMVIX X8400

$209

Optional: No video playback

PROTEK Catskills

PURE CONNECTIVITY

**FREE DAILY DELIVERY!**
TO ALL BUNGALOW COLONIES & CAMPS
'SAME DAY' FOR ALL ORDERS ORDERED UNTILL 4:00



AKITO PICO-H

$119



SUMMER BUNDLE DEAL!!

SONIM XP3800 with 2 months unlimited service included!

$139

**845.999.TALK(8255)**

All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

# גאַנצען

## נאָרמאַלע מענטשן מיט נאָרמאַלע חובות

עס זענען פאַרהאַן אַכט ביליאָן מענטשן אין די וועלט.

איין און אַ האַלב ביליאָן רעדן ענגליש.

אַ ביליאָן רעדן טשינג טשאַנג פאַנג אָן פון אָנפאַנג (כינעזיש).

אַ האַלב ביליאָן רעדן אינדיאַניש און קענען אייך פאַרלענגערן אייער סטודענט לאָון.

אַ האַלב ביליאָן רעדן ספּאַניש און ווייסן ווי אַריבערצוקריכן אַ הויכע וואַנט.

300 מיליאָן רעדן אַראַביש.

300 מיליאָן רעדן פראַנצויזיש.

300 מיליאָן רעדן בענגלאַדעשיש.

300 מיליאָן רעדן פּאָרטוגעזיש.

300 מיליאָן רעדן רוסיש.

קומט אויס אַז 5 ביליאָן מענטשן באַנוצן זיך מיט 8 שפּראַכן.

די איבעריגע דריי ביליאָן באַנוצן זיך מיט נאָך עטליכע טויזנט שפּראַכן!

האַלב פון די שפּראַכן פון די וועלט האָבן ווייניגער ווי טויזנט מענטשן וואָס באַנוצן איר!

אין פּאַפּואַ ניו גיני אַליין ווערט באַנוצט טויזנט שפּראַכן!

פּאַפּואַ ניו גיני איז אַ קליין לענדעלע צווישן אויסטראַליע און די פיליפּינען.

די שפּראַך ענגליש האָט אַ האַלב מיליאָן ווערטער.

די שפּראַך טשינג טשאַנג פאַנג אָן פון אָנפאַנג און עס פרעשט האָט 400,000 ווערטער.

וולאַדימיר פּוטין'ס שפּראַך האָט 200,000 ווערטער.

די אַראַבישע שפּראַך האָט 100,000 ווערטער.

די ספּאַנישע שפּראַך האָט 100,000 ווערטער.

די ווייב שפּראַך האָט 50 ווערטער.

די קינד שפּראַך האָט 50 ווערטער.

די "נאָרמאַלער מענטש" שפּראַך האָט עטליכע הונדערט ווערטער.

די "נאָרמאַלער מענטש" שפּראַך ווערט באַנוצט פון די נאָרמאַלע מענטשן וואָס מאַכן נאָרמאַלע חובות צו מאַכן נאָרמאַלע שמחות.

די "נאָרמאַלער מענטש" שפּראַך ווערט באַנוצט פון די נאָרמאַלע מענטשן וואָס לאַכן פון די אינטערעסאַנטע יאַנטשי מענטשן אין ברסלב וואָס מאַכן אינטערעסאַנטע יאַנטשי שמחות אָן חובות.

די "שידוכים" שפּראַך ווערט באַנוצט פון עלטערן וואָס וועקן די קינדער שבת

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

צופרי ווייל אויב מען זעט אים קומען שפעט אין שול וועט עס שאטן פאר א שידוך.

די "אמעריקן אקספרעס פוינטס" שפראך ווערט באנוצט פון מענטשן וואס לאכן פון אמעריקן אקספרעס וואס כאפט נישט אז דער עולם ווערט פשוט רייך פון אלע פוינטס און פון מאכן נאך און נאך קרעדיט קארטלעך.

די "אמעריקן אקספרעס פוינטס" שפראך ווערט באנוצט פון מענטשן וואס לאכן פון די וואס מאכן נישט יעדן טאג נאך און נאך קרעדיט קארטלעך.

די "אמעריקן אקספרעס פוינטס" שפראך ווערט באנוצט פון מענטשן וואס לאכן פון די וואס מוטשענען זיך אויף פרנסה, זאלן זיי מאכן קארטלעך און פארטיג!

די קליינקעפלדיגע שפראך ווערט באנוצט פון מענטשן וואס צאלן הויכע קרעדיט קארד פערצענט פאר א הויכע שטריימל אויף די קליינע בעיבי קעפעלע.

די טאשן-שניידער שפראך ווערט באנוצט פון דיוועלאופערס וואס באצאלן נישט די SUB'ס ווייל די בילדינג מאכט נישט קיין פראפיט, און חלילה וחס וויל ער נישט באצאלן דעם SUB פון אנדערע צען בילדינגס וואס ברענגען אריין צען מעלוינעס ריוח יאר יערליך.

די לעד פענסל שפראך ווערט באנוצט פון א אינגערמאן וואס האלט נישט ביים לערנען און גייט נישט ארבעטן ווייל ער איז באשטראפט אז זיין שווער איז א מיליאנער וואס מוז האבן אן איידעם מיט א לעד פענסל אין וועסטל טאש וואס טרינקט קאווע און פארשטייט צו שערוריות און צו דברים העומדים על הפרק.

עס איז געווען א שיינע שמועס איין שבת צופרי, אונזער טייערע מנהל ר' אברהם משה נ"י האט גערעדט וועגן שפראכן.

ווען א בחור אין ישיבה קטנה איז געקומען שפעט איז פאראהאנען צוויי סארטן וועגן ווי מען וועט פרובירן צו לייגן דעם בחור אויף די ריכטיגע רעלסן.

למשל ווען מען טענה'ט זיך אין קאווע שטיבל וועגן א שערוריה אדער וועגן א דבר העומד על הפרק, איז דא מענטשן וואס טראכטן אז אויב וועט ער רעדן העכער ווי זיין בר פלוגתא, וועט זיין סטעיטמענט אויסזען קלוגער אדער מער אננעמבאר.

פארשטייט זיך אז ס'איז אקוראט קאפויער, דער וואס רעדט קלוגער איז דער וואס רעדט שטילער.

דער וואס שרייט העכער איז וואס מען רופט אין אמעריקע TALKIN LOUD SAYING NOTIN.

אזוי זאגט מען עס אויף די שפראך וואס מען רעדט אין די HOOD.

ער שרייט הויך און זאגט גארנישט.

שטעל דיך פאר מען וויל דיסציפלינירן א בחור פאר אויפשטיין שפעט און מען

> די "אמעריקן אקספרעס פוינטס" שפראך ווערט באנוצט פון מענטשן וואס לאכן פון די וואס מוטשענען זיך אויף פרנסה, זאלן זיי מאכן קארטלעך און פארטיג!

זאגט אים אויף ספאניש, קאטשאלאטשא מאטשאלאטשא אנאמעסערעסטאקי, אדער שטעל דיך פאר מען זאגט אים אויף כינעזיש טשאנג לאנג האנג באנק דינג דאנג בינג באנג פינג פאנג פאנג אן פון אנפאנג עס טשעכאפאכעס מיט סריראטשא, אדער שטעל דיך פאר מען זאגט אים אויף פראנצויזיש בכי בכא בכוי בכיכיכיכי בכי בכא עס בכויט וויש דיך מיט א פאכטוך, אז דער בחור איז געבוירן אין אמעריקע און רעדט נישט פכככאנצויזיש האסטו גאנץ קנאפ אויפגעטון.

אז דו ווילסט האבן די מינדעסטע הוה אמינא אז דער בחור זאל דיך הארכן וועסטו מוזן זיך דערלערנען די "וואוילע מענטש שפראך". דאס איז א שפראך מיט נישט קיין טויזנטער ווערטער אבער מיט א הויכע ראטע פון ווירקזאמקייט.

מען מוז נישט שרייען הויך צו ווערן געהארכט, מען דארף רעדן די "וואוילע מענטש שפראך" וועסטו זיין גאראנטירט אז דו ווערסט געהארכט.

שוין כמה וכמה פעמים האב איך געהערט די ברסלב'ע מלמדים זיך באנוצן מיט די די "וואוילע מענטש שפראך".




שוין כמה וכמה פעמים האב איך געהערט די ברסלב'ע מלמדים זאגן, "גרויסע קינדער טשעפענען נישט, גרויסע קינדער רעדן נישט חוצפה'דיג צו עלטערע מענטשן, אזא וואוילע אינגל ווי דו וואס דאוונט אזוי שיין קען דאווענען א טראפעלע העכער, אזא וואוילע אינגל ווי דו וואס גייט שוין אין כתה ב' קען שוין העלפן די טאטע זינגען שלום עליכם און אשת חיל".

די "וואוילע מענטש שפראך" ארבעט NO FAIL.

די קינד שפראך האט פארשידענע פאזיטיווע ווערטער וואס געבט דעם קינד א געפיל אז דער טאטע קוקט אויף אים אזוי ווי מען קוקט אויף איינעם וואס וועט קושן די מזוזה און לייגן תפלין פאר זיבעציג יאר.

די קינד שפראך האט ווערטער אזוי ווי למשל "צדיק'ל ברענג פאר טאטי א גלעזל וואסער, צדיק'ל מען דארף שוין אויפשטיין, צדיק'ל מען דארף שוין גיין שלאפן, אזא וואוילע צדיק ווי דו גייט שלאפן מיט איינמאל הייסן, יא, מאמי משה'לע גייט שוין אין בעט מיט איינמאל הייסן! ער איז שוין "כמעט" אין בעט! פארוואס האמיר אונז די בעסטע קינדער פון די גאנצע וועלט?!"

די ווייב שפראך גייט אזוי "איך דאנק דיך מיין ווייב פאר'ן וואשן מיינע שמוציגע שטרומפ, פארוואס האב איך די בעסטע ווייב פון די גאנצע וועלט?!"

די וואס נוצן די שפראך זענען די רייכע מענטשן, אזוי ווי די גמרא זאגט אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו.

## Fully furnished House for the summer

4 huge bedrooms
+1 small bedroom ground level
3 toilets. 2 bathtubs.
Plus extra shower ground level.
Huge Kitchen.
Huge dining room.
Huge living room.
Huge playroom.
Huge basement.
Laundry room included washing machine and dryer
2 separate entrances to the house.
Big garage.

4 minutes from lemonade supermarket
3 minutes from Chider/ School

Call Avrumi Dantizger
514-531-3678

## פריוואטע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פאר שבתים,
אדער פאר די צווייטע העלף זומער.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט
רופט 917-501-5100

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ זומער.

**רופט הערשל בוים**

347-786-1767

## הערליכע דירה

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען אויף שבתים, אדער אויפן זומער. אנטהאלט דריי גרויסע שלאף שטובער, א גרויסע דייניג רום, קאך מיט אלע צוגעהערן, לינען צוגעשטעלט. walk in
רופט 347-731-3144

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה און 1 בעדרום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר שבתים און ימים טובים.

**רופט ראובן בירנבוים**

347-549-5625







מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו**
וזוגתו לאה שעניא תחי'

**צו די שידוך פון א טאכטער למזל טוב**

**עב"ג**

**כמר נחמן נתן נ"י**

**בן הראש ישיבה שליט"א**
וזוגתו אסתר גיטל תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

dominogrp.com

loop
PLUMBING
Keep life flowing
917.202.1206

# קוק אהער

## גיי מיט דיינע פאני מעשיות

זיץ איך מיר אין מיין קאר און פאר ארויף אויף קלעפטאן ביזן לי-ברידזש ראונד-א-באוט און צוריק. מיין מח שווינדלט, מיינע געדאנקען רוישן: וואס זוך איך דא?

אויפן גרופ האט איינער יעצט געפרעגט: "נו, וואס איז די פלאן פאר היינט? וואו גייט מען היינט?"

דאס נעכטיגע שווימט מיר אויף אין די געדאנקען, ווען עלף אזייגער ביינאכט האט מען זיך צוזאמענגעזעצט אויף אן ערנסטע מיטינג מיט די חברי הוועד דורכצוטון: וואו וועט מען היינט גיין? וואס וועט מען היינט טון?

נאך א נאכט אפזיצן אין א רעסטוראנט? נע, ס'קאסט ממון ודמים און ס'קומט עפעס נישט אריין היינט...

וואס יא?

לאמיר גיין קיין האלאנד באזאר קויפן א צוויי-דריי פושקעס ליטשעס און עס קנאקן אויפן וועג אהיים, ווען יעדע צוויי סעקונדעס פליט נאך א קערל פונעם פענסטער, בשעת מ'גייט בעיון רב דורכטון דברים העומדים ברומו של עולם...

למעשה, נאכן אויסרייכערן א פושקע בענזאם, איז געבליבן אז מ'גייט זיך אריינזעצן אין קאר און מ'גייט פארן ארויף דעם גאנצן A10 ביזן סוף - לאמיר זען וואו ס'ענדיגט זיך... און נאכדעם וועט מען שוין זען...

למעשה האט עס זיך געענדיגט נאכן פארן בערך א דריי-פערטל שעה; די גאס איז געקומען צו א דעד-ענד. ס'האט זיך געענדיגט, און יעצט וואס?

יעצט גייט מען כאפן דא א ציגרעטל מיט א קליינע שפאציר, און מ'גייט צוריק אהיימפארן...

אזוי רייכערנדיג דארט אין "מידל אוו נאו-ווער", האבן מיר געטראפן אן אוצר: ביים זייט גאס ליגט א גוי, א שיכור. לאמיר הערן פון אים וואס טוט זיך דא...

מיר האבן זיך געהאלטן ביי די זייטן צו זען ווי דער גוי קען קיין קלאר ווארט נישט ארויסזאגן. אההה, א סוקסעספולע "טשיל"... דא איז נאך דא אן אפענע "אף-לייסענס", לאמיר גיין קויפן א קאלטע טרינק און מ'פארט צוריק אהיים.

בערך צוויי אזייגער זעמיר געווען צוריק אין סטעמפארד הילל; נאכן אפברענען עטליכע שעה זעמיר אהיימגעגאנגען.

ס'איז דעם נעקסטן נאכט בערך צענער ביינאכט, און מיין קאפ שווינדלט מיר שוין ווייטער: וואס זוכסטו דא? וואס טוסטו דא? דו ווייסט אז באלד גייט זיך עס ענדיגן? באלד גייט מען שוין לייגן העכער דיר א מצבה, און וואס וועט מען דארט שרייבן? "פה נטמן הבטלן הידוע"? וואס טוסטו מיט דיין לעבן?

א טרער גליטשט זיך ארויס. וואס זוכט די טרער דא? איך בין דאך בכלל נישט דער טייפ... פארלוירענערהייט געב איך א שריי צום אייבערשטן: "טאטי, איי גאָט נאו איידיע וואט איים דואינג היר טאטע, וואס זוך איך דא? אויב לערנען גייט מיר נישט און צום דאווענען האב איך נישט קיין ברעקל נערוון, וואס זוך איך דא? פארוואס האסטו מיך באשאפן? וואס איז די פוינט פונעם לעבן?

דאס וועט זיין מיט מיר? איינער וואס האט געוואלט זיין גוט און נישט געוויסט וויאזוי, און פארברענט טעג, חדשים און יארן מיט פוסטע ליידיג-גיין?

נאך א טרערעלע גליטשט זיך ארויס. האב איך טאקע נישט קיין וועג? בין איך שוין טאקע אפגעשטעמפלט? פארוואס לעב איך דעמאלט נאך? וואו זאל איך גיין? צו וועמען זאל איך זיך ווענדן? ווער וועט מיר פארשטיין און קענען העלפן?

ווידער טרעף איך זיך געבן א שריי "אייבערשטער! אויב האב איך א וועג, ווייז מיר דעם וועג; אויב איז דא פאר מיר א ישועה, ווייז מיר וואו צו גיין; אויב דו ווילסט מיך נאך האבן דא בזה העולם, ווייז מיר וואס מיין תכלית איז!"

שוין, איך בין שוין צוריק אין שטאט. איך טרעף זיך שוין דורכפארן גרודזינסקי בעקעריי, יעצט ווערט מען צוריק א נארמאלער מענטש. לאמיר טאקע טשעקן די גרופ, וואס איז געבליבן? וואו גייט מען היינט?

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



א קליינע שלעכטע שטימע רעדט צו מיר אין מח: "דו מיינסט דער אייבערשטער דארף דיך? מ'דארף דיך טאקע נישט! צוויי וואכן צוריק איז געווען די זעלבע מעשה, האסט זיך צושריגן צום אייבערשטן און האסט געמיינט אז עפעס וועט געשען, און גארנישט! גארנישט! גארנישט, גארנישט, טויזנט מאל גארנישט!!!!"

דאס לעבן איז ווייטער געגאנגען פונקט ווי ביז יעצט; געלאכט, געהאט פאן, ג'בטלט די צייט, און שוין... אזוי גייט עס.

"דו מיינסט דער אייבערשטער הערט בכלל ווען דו רעדסט ארויס א ווארט? אררררך," זאגט מיר די שלעכטע שטימע אין מיין קאפ, מ'דארף דיר ווי א לאך אין קאפ! דו ביסט ווער דו ביסט, דו ביסט וויאזוי דו ביסט, קיינער טוישט זיך נישט. דאס איז אלעס גוט פאר די מעשה-ביכלעך... און פלוצלינג... זיי נישט נעריש, קוק אויף יעדן, יעדער גייט אן, דו האסט א פיינע קרו (crew), לאז אפ..."

אפשר טאקע?! טראכט איך צו זיך.

אזוי איז אריבער נאך א חודש און נאך א וואך, און גארנישט האט זיך נישט קיין רוק געטון. אלעס איז ווייטער אנגעגאנגען אן קיין שום טויש.

ביז ח"י תמוז תשפ"ב, אין זומער פונקט פיר יאר צוריק, ווען נאכן זיך ארויסווייגען צום אייבערשטן אז אזוי קען איך שוין נישט מער, ס'איז שוין "באו מים עד נפש", איך האב נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן. וואו איך האב נאר פרובירט צו קלאפן און פרעגן, האט אויסגעזען ווי שקר; כבוד מיט געלט, כבוד מיט געלט, די "אימעדזש" פון אינדרויסן איז דער עיקר - און איך האב עס נישט געהאלטן ביים אפקויפן!

יענעם מאנטאג צופרי, זיצנדיג אליין אין אפיס, האט מיר דער אייבערשטער געמאכט א נס און איך בין אנגעקומען צו א שיעור פונעם ראש ישיבה.

אלעס איז געפאלן אין פלאץ! איך האב געהערט איין שיעור נאך א שיעור, און אלע מיינע קשיות און ספיקות זענען מיר פארענטפערט געווארן. אלע מיינע מחשבות און בלבולים האט דער ראש ישיבה ווי פארגעלייגט, ער האט מסביר געווען וואס איז עיקר און וואס איז טפל.

דער אייבערשטער דארף יעדן איינעם, יעדעס איינציגע איד, וואו און וויאזוי ער זאל נאר נישט זיין; יעדער קען לערנען און דינען דעם אייבערשטן. געלט איז א פארמיאוסטע זאך! נישטא קיין חברים!

ענדליך, ענדליך האב איך געטראפן א וועג!

ס'איז אריבער א וואך, און ווידער טרעף איך זיך פארן אין קאר. דאסמאל פאר איך אהיים, און דאסמאל ווייס איך אויף זיכער אז דער אייבערשטער הערט מיך אויס.

טאטי באשעפער, איך האב פאר דיר א סופרייז! יא, איך - דער זעלבער "איך" פון אפאר פאר וואכן צוריק - האב געענדיגט סדר זרעים! טאטי, סדר זרעים! איך!! באשעפער, איך האב עס נישט מיט וועמען מיט צו טיילן; קיינעם אינטערעסירט עס נישט, קיינער וועט מיר אפילו נישט פרעגן "האסט געזאגט?" אדער "האסט געלערנט?"... מ'וועט מיר סתם געבן דעם בליק וואס זאגט: "דו, יאגסט אפ פון דא מיט דיינע פאני מעשיות."

דארט בין איך געזעסן ביים ווינקל פון עמהערסט פארק און וועסט בענק, און איך האב געשריגן מיט מיין גאנצן כח: "אייבערשטער, איך האב געענדיגט סדר זרעים!!"

איך האב נאך קיינעם נישט געקענט פון אנשי שלומינו; איך האב אפילו נישט געוויסט אז ס'דא אזא זאך ווי אנשי שלומינו... איך האב אבער געוויסט אז איך האב געטראפן דעם גן עדן, און קיינמאל גיי איך נישט צוריקקוקן!

מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי. שכח אייבערשטער אז דו האסט געענטפערט מיין צובראכן הארץ; שכח אייבערשטער אז דו האסט מיר געגעבן דאס שענסטע לעבן וואס א מענטש קען זיך נאר אויסמשלן. א לעבן פון תכלית, א לעבן פון לעבן מיטן אייבערשטן, א לעבן פון זיין דבוק צו א צדיק, א לעבן פון לערנען, דאווענען, דינען דעם אייבערשטן און האבן פאַן - מיטן אייבערשטן.

שכח אייבערשטער אז פאר פיר יאר צוריק האסטו מיך ארויסגענומען פון מיין פינסטערן גלות און מיך מקרב געווען צו דיר.

באשעפער, העלף מיר אז איך זאל זוכה זיין מזכה צו זיין נאך א איד, ער זאל אויך קענען לעבן דאס חיים טובים וואס דו האסט מיר געגעבן!

# אַ בליק צוריק

## טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



## בילד פון פאריגע וואך:



ביים פארטיילן נאכטמאל פאר די בחורים אין קעמפ תשס"ט

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



ביים אראפ לאדענען א נייע שיפמענט ביים בית התבשיל אין שטעטל - א' פנחס



ביים פארלערנען די דף גמרא אין גן עדן התחתון אין שטעטל - ג' פנחס





אנשי שלומינו ביים פארעכטן די ביהמ"ד היכל הקודש אין בני ברק - ב' פנחס





די קלענערע קינדער פון תלמוד תורה בני ברק אויף א טריפ - ה׳ חקת בלק





סיום אויף די א-ב אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש - ג׳ פנחס





סיום תהילים און משניות סדר נשים פון התלמיד אהרן מינצבערג ני"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק חקת בלק





סיום מסכת ברכות, שבת און עירובין פון הילד נחמן שפירא ני"ו און סיום ששה סדרי משנה פון הילד שמעון שפירא ני"ו אין תלמוד תורה בית שמש - עש"ק חקת בלק





שמועסן נאכן דף גמרא שיעור אין גן עדן התחתון אין שטעטל - ג' פנחס







הרב שלמה ברוך בלוי שליט"א בעל מגיה ספרי מוהרא"ש זי"ע ביים באזוכן בית הדפוס קרית ברסלב ליבערטי - ד' פנחס



בארייטע אויספאסטן צוגעשטעלט אין היכל הקודש קרית יואל - ה' פנחס



אויספאסטן אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - ה' פנחס



שיעור התחזקות פאר די בחורים אין שטעטל - ד' פנחס



מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק פנחס





מלוה מלכה אין שטעטל - מוצש"ק פנחס







**להיים ווארט תנאים פון החתן נחמן נתן ני"ו בן הראש ישיבה שליט"א עב"ג בת מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו**
**גבאי קרית ברסלב ליבערטי - א' מטות מסעי**

# זכות מהדורה

| | |
|---|---|
| **מהדורת מרדכי יעקב** לע"נ ר' מרדכי יעקב ב"ר ישעי' | **$10,000** |

# זכות פרק $1000

| | | | |
|---|---|---|---|
| מו"ה<br>**אשר יעקב בלום**<br>הי"ו | לע"נ<br>**אברהם חיים אלתר ב"ר ידידיה** | מו"ה<br>**אברהם יושע וועבערמאן**<br>הי"ו | |
| מו"ה<br>**שלמה זאב בריסק**<br>הי"ו | מו"ה<br>**יואל לעווי**<br>הי"ו | לע"נ<br>**ר' צבי הירש ב"ר בנימין אייזיק** | |
| מו"ה<br>**יצחק מרדכי דים**<br>הי"ו | מו"ה<br>**משה מאסרי**<br>הי"ו | מו"ה<br>**יהודה זאב ווייל**<br>הי"ו | |
| מו"ה<br>**יוסף הכהן פריעדמאן**<br>הי"ו | מו"ה<br>**עלי מזרחי**<br>הי"ו | מו"ה<br>**הרוצה בעילום שמו**<br>הי"ו | |
| מו"ה<br>**משה ישראל האמער**<br>הי"ו | מו"ה<br>**שמואל אליעזר פערל**<br>הי"ו | מו"ה<br>**דניאל גאלדשטיין**<br>הי"ו | |
| מו"ה<br>**מרדכי הלוי היימליך**<br>הי"ו | מו"ה<br>**משה ראזענבערג**<br>הי"ו | מו"ה<br>**ישראל דוד העסקעל**<br>הי"ו | |
| מו"ה<br>**הרוצה בעילום שמו**<br>הי"ו | מו"ה<br>**יהודה אריה ראטה**<br>הי"ו | | |
| מו"ה<br>**שלום יצחק מאסרי**<br>הי"ו | מו"ה<br>**שמעיה וואקס**<br>הי"ו | | |

**חלק ד'**

**זכות פרק**
**$1,000**

**זכות**
**$500**

פארבינדט אייך 347.
היינט מיטן גבאי 578.
מו"ה לייבי ראטה הי"ו 4449



קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

בס״ד
פרשת מטו״מ
אויסגאבע # 26

# אינדערהיים

**א אנגעקלעבטע פערפיום שמעק**
מ. פעדער

**זיי דיך מוחל**
ש. טראכטער

## א צונג קען טוישן



ג. פעקעטע

רעסעפי
Cheese Blinzes

# אינהאלט


6



12





**בס"ד**
מטו"מ
תשפ"ו
**נומער 26**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. כב
מ. סופר
מ. פעדער



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:

**212.444.9191**

אידיש שטוב:

**212.444.9169**

מ. פעדער

# אן אוסעקלעבטע פערפיום שמעק



פערי איז א יונגע פרוי, קוים עטליכע חדשים נאך איר חתונה. אזוי ווי איר מאן קומט פון א צווייט לאנד, האט ער נאכנישט באוויזן צו שאפן די פאסיגע דאקומענטן כדי צו קענען ארבעטן לעגאל. וויפיל ער האט נאר פרובירט, האט ער זיך נישט געקענט אן עצה געבן; יעדעס מאל ער האט געמיינט אז ער האלט שוין ביים ענדע און פארמאגט שוין אלע נויטיגע פאפירן, זענען די שטאטישע אפיסעס געקומען מיט א נייע ליסטע פון דאקומענטן וואס ער דארף נאך שאפן

דערווייל האט ער פרובירט צו זוכן עפעס א צייטווייליגע ארבעט זיך צו קענען דעקן, אבער קיינער האט אים נישט געוואלט אננעמען אן די פאסיגע אינשורענס.

פערי'ס מאן האט נישט געוואלט סתם זיצן ליידיג, וויסנדיג וואס דער ראש ישיבה זאגט, אז גיין ליידיג קען צוברענגען צו די ערגסטע זאכן. ער האט דעריבער אפגעמאכט צו גיין מזכה זיין אידישע קינדער און אנהייבן גיין "הפצה". אויסער די גרויסע זכותים וואס ליגן דערין, וועט ער אויך פארדינען דאס וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט - אז א מענטש וואס גייט הפצה וועט שטענדיג האבן געלט אין טאש.

פערי'ס מאן קויפט איין א באקס קונטרסים מיט שיינע, אינטערעסאנטע דעקלעך וואס ציען דאס אויג, און ער הייבט אן טאג-טעגליך ארומצוגיין צוריקברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן. ער דערמאנט זיי נאכאמאל אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און ער לאזט זיי וויסן אז דער אייבערשטער האט זיי ליב און אז אויך זיי קענען ווערן ערליכע אידן.

ער גייט אן מיט א שטארקייט; סיי אין די ברענעדיגע היצן און סיי אין די פראסטיגע קעלט, גייט ער ארום ראטעווען אידישע נפשות.

פערי שטיצט אים מיט איר גאנצן הארץ. יעדן אינדערפרי שטעלט זי זיך מיט געטריישאפט איינצופאקן א ווארעמען פרישטאג פאר איר מאן, ער

<

זאל עס קענען מיטנעמען מיט זיך אויפן וועג.

זי בעט דעם אייבערשטן אז איר מאן זאל האבן חן אין די אויגן פון מענטשן, מענטשן זאלן אים שיין אויפנעמען, און ער זאל זוכה זיין אויסצוטיילן אסאך קונטרסים.

יעדן טאג ווען ער קומט אהיים ווארט זי אים אפ מיט א שמייכל און מיט א גוטע נאכטמאל, און זי הערט זיך צו צו זיינע איבערלעבענישן פונעם היינטיגן טאג.

זיי שרייבן צוזאמען א מסודר'דיגע ליסטע וויפיל שעה ער איז היינט געגאנגען הפצה און וויפיל קונטרסים ער האט היינט זוכה געווען אויסצוטיילן. דעם ליסטע וועט ער מיט דעם אייבערשטנ'ס הילף מיטנעמען מיט זיך ראש השנה קיין אומאן, אלס א מתנה פארן הייליגן רבי'ן.

פערי הייבט אן זוכן א דזשאב, אפשר וועט זי קענען טרעפן א גוטע ארבעט פאר זיך. זי געפינט א ליסטע פון אפציעס וואס זי דארף אדורכזיפן צו זען וועלכע פון זיי עס פאסט פאר איר.

"העלא, א גוטן, איך האב געזען אדווערטייזט אז איר זוכט אן ארבעטער," פערי הערט די אינפארמאציע פון די פרוי אויפן צווייטן זייט ליין. נאך עטליכע מינוט שמועסן לייגט זי אראפ דעם טעלעפאן מיט א קרעכץ: "דאס איז אויך נישט פאר מיר." נאך איינס אראפ פונעם ליסטע. זי גייט ווייטער צום נעקסטן נומער.

נאך א שטיק צייט פון זוכן, האט פערי ענדליך געפונען אן ארבעט וואס האט אויסגעזען פאסיג. עס האט זיך געהאנדלט איבער אן אפיס וואס שטעלט צו קאסטומער סערוויס פאר א גרויסער אינשורענס קאמפאני; איר דזשאב איז געווען אויפצוהייבן טעלעפאן קאלס פון קאסטומערס און זיי געבן סערוויס.

פערי נעמט אן די דזשאב. זי קומט אן דעם ערשטן טאג ארבעט און זעט פאר זיך א ריזיגן זאל, וואו ארום פיר הונדערט מענטשן זיצן יעדער ביי זיין דעסק און הייבן אויף פאון קאלס.

זי קוקט זיך ארום אויף דעם מישמאש פון מענטשן פאר איר - אידן, גוים, מענער און פרויען. אן אומבאקוועמע געפיל גנב'עט זיך אריין אין איר הארץ: "פערי, דאס פלאץ פאסט נישט פאר דיר."

זי שטופט אבער אוועק דעם געפיל און גייט נאך דער פרינציפאל.

"דא וועט זיין דיין פלאץ," ווייזט איר די פרינציפאל אן אויף א ליידיגן דעסק, "מען וועט שוין קומען דיר ווייזן וואס דו דארפסט טון."

פערי לאזט אראפ די אויגן און רופט זיך אן מיט א שטילער אבער פעסטער שטימע: "איך זיץ נישט צווישן פרעמדע מענער."

די פרינציפאל קוקט איר אן פארוואונדערט. "דו דארפסט דאך גארנישט האבן מיט זיי," פרובירט זי איר איבערצורעדן, אבער זעענדיג פערי'ס עקשנות, גייט זי אינאיינעם מיט איר זוכן א צווייט פלאץ. צום סוף טרעפן זיי א ליידיג ארט אין א שורה וואו עס זיצן נאר פרויען.

אזוי האט פערי אנגעהויבן איר ערשטן טאג אין דער ארבעט. זי פילט טאקע ווי זי האט אנגעהויבן אויף דער לינקער פוס, אבער זי האט נישט קיין חרטה פארן שטיין אויף אירע עקרונות.

עטליכע טעג זענען אריבער, און פערי הייבט זיך שוין אן צוצוגעוואוינען צו די נייע ארבעט. זי פרובירט מיט אלע כוחות זיך צו האלטן פעסט מיט איר אידישקייט און חלילה גארנישט נאכצולאזן.

ביי די הפסקות בלייבט זי זיצן אויף איר פלאץ; זי וויל גארנישט האבן צוטוהן מיט די פרייע אדער די גוי'אישע פרויען, און זיכער וויל זי נישט הערן זייערע קרומע דעות און שיטות. זי שמייכלט שטענדיג צו זיי און גרוסט זיי מיט א "גוט מארגן", אבער זי פרובירט ווי ווייניגער צו האבן מיט זיי קיין שייכות.

אינדערפרי שטייט פערי פארן שפיגל און ספק'ט זיך וועלכע קלייד אנצוטוהן. "די קלייד איז צו טונקל," קוקט זי אויף איר איידעלע, בא'טעמ'טע קלייד, "יעדער וועט לאכן פון מיר; זיי גייען דאך אנגעטוהן אינגאנצן אנדערש. איך קען נישט אויסקוקן אזוי מאדנע און אנדערש פון יעדן."

פערי צווייפלט פאר א לאנגע צייט. זי פרובירט אביסל ארויפצוציען אירע ערמל, ווען פלוצלונג הערט זי א שטיל קול פון די טיפענישן פון איר נשמה: "אין וועמענס אויגן ווילסטו געפעלן?" מאנט די שטימע, "ווילסטו געפעלן אין די אויגן פון מענטשן, אדער ווילסטו געפעלן דעם אייבערשטן?"

פערי ציט צוריק אראפ אירע ערמל. "איך וויל געפעלן דעם אייבערשטן!" באשליסט זי מיט א שטארקייט, "איך גיי גארנישט נאכלאזן פון מיין איידעלע לבוש."

זי מאכט צו איר שאפע און גייט ארויס פונדערהיים. א בליק אויפן זייגער ווייזט איר אז זי איז זייער פרי, דעריבער מאכט זי אפ צו גיין צופיס, כדי זיך צו קענען אביסל אויסשמועסן מיטן אייבערשטן.

נאך א שמועס מיטן אייבערשטן איז פערי'ס מח שוין אסאך קלארער. זי זעט שוין די בילדינג פונדערווייטנס, און זי בעט דעם אייבערשטן אז זי זאל חלילה נישט פארלירן איר איידלקייט; זי זאל בלייבן מיט איר תמימות און עס זאל חלילה נישט ווירקן אויף איר קיין שום שלעכטע השפעה, כדי זי זאל זיך קענען האלטן פעלזן-פעסט קעגן די סביבה.

פערי קומט אריין און באמערקט פונדערווייטנס איר חברטע צירי, וועלכע איז אויך אריינגעקומען דא ארבעטן מיט א שטיק צייט צוריק.

"צירי איז ליידער נישט גענוג שטארק," טראכט זי צו זיך מיט ווייטאג. זי געדענקט נאך ווי זי האט פארגעשלאגן פאר צירי צו קומען זיצן נעבן איר, אבער צירי האט נישט געוואלט אנהייבן דעם ערשטן טאג מיט די לינקע פיס, און דערפאר האט זי זיך באזעצט דארט וואו

מען האט איר געלייגט.

"איך שמועס חלילה נישט מיט קיין פרעמדע מענער," האט זי דעמאלטס ערקלערט פאר פערי'ן, "איך האב עכט גארנישט מיט זיי, נאר איך וויל פשוט נישט זיין פון די פרומע וואס מאכן אלעמאל פראבלעמען און טענה'ן זיך אויף יעדע קלייניגקייט." פאר פערי'ן האט זיך געדאכט ווי צירי פרובירט זיך אליין צו איבערצייגן.

און יעצט, אריינקומענדיג צו די ארבעט, זעט זי איר פונדערווייטנס; פערי גריסט איר מיט א שמייכל.

זי באמערקט מיט ווייטאג ווי איר לבוש האט זיך אינגאנצן געטוישט. די איידעלע, בא'טעמ'טע לבוש מיט וואס זי פלעגט זיך קליידן, האט זי אויפגעטוישט צו א שרייעדיגע, צוגעפאסטע קלייד. פערי'ן כאפט אן אן עקל; עס האט דאך נישט קיין שום חן, די איידעלע לבוש איז דאך אזוי שיין.

זי גייט ווייטער צו איר פלאץ און דאנקט דעם אייבערשטן וואס זי גייט איידל אנגעטון; נאכצומאכן די גוי'אישע לבוש איז דאך אזוי אומבא'טעמ'ט. איידל איז שיין, און די אידישע לבוש - דאס האט אמת'דיג א חן.

אין די קומענדיגע טעג ווערט דער מצב נאר ערגער. פערי דארף זיך אפזאגן פון זיצן און עסן מיט די גוי'אישע ארבעטארינ'ס ווען זיי פראווענען זייערע חגאות. אפילו ווען זיי האבן אויסגעטיילט 'כשר'ע' טשאקלאד האט זי דאס נישט צוגערירט; זי וויל נישט אריינעמען אין איר מויל 'חלב עכו"ם'. דער ראש ישיבה ערקלערט דאך וואס פאר א שעדליכע השפעה דאס האט אויפן מענטש'ס נשמה, און זי דארף דאך זיין א ערליכע אידישע מאמע; זי וויל האבן הייליגע דורות.

אין איינע פון די טעג ביי די הפסקה, באמערקט פערי ווי צירי שטייט און שמועסט מיט איינע פון די מענער. זי דערמאנט זיך ווי צירי האט איר פרובירט צו ערקלערן מיט אפאר טעג צוריק אז מען מוז יעדן גריסן: "איך שמועס נישט מיט זיי, איך גריס זיי נאר, עס איז דאך א קידוש השם..."

פערי הייבט אן איינצוזען אז דאס פלאץ איז נישט פאר איר; דאס פלאץ איז נישט פאסיג פאר א ערליכע אידישע פרוי. זי דארף זיך נישט שטעלן אין א טאג-טעגליכן נסיון, זי דארף האבן א ריינעם מח.

פערי און איר מאן האבן זיך דורכגערעדט מיט זייער מורה דרך און באשלאסן אפצולאזן די דזשאב.

פערי האט לאזן וויסן פאר די פרינציפאל אז זי לאזט אפ די ארבעט. די פרינציפאל, וועלכע איז געווען זייער צופרידן פון איר ארבעט, האט איר פרובירט איבערצורעדן אז אויב זי בלייבט נאך עטליכע חדשים, קען זי באקומען א באנוס פון צווישן טויזנט ביז צוויי טויזנט דאלער.

פערי האט אבער קלארגעשטעלט אז זי איז נישט אינטערעסירט צו בלייבן אפילו איין טאג מער. זי איז מוותר אויף דאס געלט, ווייל איר איידלקייט איז איר וויכטיגער; זי וויל נישט אויסקוקן ווי צירי. זי וועט ענדערש גיין אין די וועגן פון איר ערליכע באבע, וועלכע פלעגט יעדן זונטאג דארפן זוכן א נייע דזשאב, וויבאלד זי פלעגט נישט קומען ארבעטן שבת.

זי האט נישט געקוקט וואס יעדער ארום וועט זאגן, און עס איז איר נישט אנגעגאנגען אז מען וועט אפלאכן פון דעם 'אלטמאדישן' מיידל וואס האלט שבת אין דעם 'היינטיגן' אמעריקע. איר איז נאר אנגעגאנגען וואס מען וועט טראכטן פון איר אויבן אין הימל; זי האט נאר איין זאך געוואלט, און זי איז געווען גרייט אלעס אוועקצוגעבן אבי צו פאראורזאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן.

פונקט ווי איר באבע, אזוי וויל פערי אויסקוקן; זי וויל נאר געפעלן דעם אייבערשטן.

פערי פארלאזט דאס געביידע מיט זיכערע טריט, ווען אירע ליפן זינגען שטילערהייט 'מזמור לתודה'. זי דאנקט דעם אייבערשטן אז זי גייט ארויס פון דא פונקט ווי זי איז אריינגעקומען, אן טוישן אדער נאכלאזן פון איר איידלקייט. גלייכצייטיג בעט זי דעם אייבערשטן פאר צירי, אז דער באשעפער זאל איר אפהיטן און פירן אויפן ריכטיגן וועג.

א וואך שפעטער האט דער אייבערשטער צוגעשיקט פאר פערי'ס מאן א גוטע דזשאב אין א ערליכע סביבה צווישן וואוילע און איידעלע יונגעלייט.

פערי האט געפילט אז דאס איז זיכער אין זכות וואס זי האט זיך געהאלטן שטארק און איז געווען גרייט אויף אלעס מוותר צו זיין, אבי נישט צו זיין אין א סביבה וואס איז נישט ערליך.

דער ראש ישיבה רעדט פיל איבער די חשיבות פון זיך געפינען אין א גוטע סביבה, און ער ערקלערט עס שטענדיג מיט א משל: עס איז פונקט ווי א מענטש וואס קומט אריין אין א פערפיום געשעפט; נאכן זיך דרייען דארט עטליכע מינוט וועט זיך אן אים אנקלעבן דער גוטער שמעק, אפילו אויב ער האט גארנישט אנגערירט. און פארקערט אויך, א מענטש וואס קומט אריין אין א פיש געשעפט וועט זיך צום סוף אנקלעבן אין אים א שמעק פון פיש. דאס זעלבע איז מיט א סביבה: אז מען דרייט זיך מיט ערליכע אידן ווערט מען אנגעשטעקט פון זייער ערליכקייט, און אז מען דרייט זיך חלילה מיט נישט קיין גוטע חברים, קלעבן זיך אן אינעם מענטש זייערע קרומע דעות און שיטות. און וויאזוי קען מען זוכה זיין צו האבן גוטע און ערליכע חבר'טעס? נאר דורך בעטן דעם אייבערשטן.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו קומען צו אזא הייליג פלאץ און זיך דרייען צווישן מענטשן וועלכע שמועסן מיטן אייבערשטן און שטארקן זיך מיט די הייליגע רבינ'ס עצות. און אפילו אויב מיר פילן ווי מיר זענען נאך ווייט און מיר האבן נאך א לאנגן וועג צו גיין, וועלן זיך דאך זיכער אנקלעבן אין אונז אלע גוטע השפעות בלויז דורך דעם וואס מיר דרייען זיך דא.

ש. טראכטער



# זיי דיך מוחל

אמיידל וואס האט זיך געמוטשעט מיט נסיונות אין איר מצב, האט מיך איין טאג גערופן און מיר געזאגט אז זי פרובירט זיך אזוי שטארק צו שטארקן אויף די נסיונות וואס זי האט, אבער עס גייט איר ביטער שווער.

זי האט אבער איין זאך וואס איז איר זייער מחזק: זי משל'ט זיך אויס ווי זי זעט א גאנצע זאל פול מיט מענטשן (מלאכים) וואס שטייען און קוקן אויף איר, און זי זעט אין דמיון וויאזוי זי האלט זיך איין און אלע פאטשן פאר איר. דאס גיט איר כח ווייטער צו גיין.

איך האב איר אויסגעהערט און איר געגעבן חיזוק, אבער איך האב צוגעלייגט איין זאך: "דו דארפסט אבער וויסן, אז אין א טאג וואס דו ביסט יאליידער אראפגעפאלן, און דאך הייבסטו זיך אויף און דו זאגסט פאר'ן אייבערשטן: 'איך הייב אן פון יעצט; וואס איז געווען איז געווען, פון יעצט און ווייטער ווער איך אן ערליכער איד...' זאלסטו וויסן אז די מחנות וואס דו זעסט, פאטשן דעמאלטס נאך שטערקער און העכער פאר דיר."

דאס איז א וויכטיגער יסוד וואס דער רבי לערנט אונז. אוודאי דארפן מיר חיזוק צו זיין גוט, צו בלייבן גוט און אנהאלטן דאס גוטסקייט, אבער די מציאות פון לעבן איז אז דער יצר הרע שטייט אין די זייט און קלערט און שפעקולירט וויאזוי אונז צו מאכן אדורכפאלן.

אין דעם שיעור פאר די פרויען ערב שבועות האט דער ראש ישיבה אזוי שיין אויסגעשמועסט, אז יעצט אין די זעלבע מינוטן וואס מיר זיצן דא און גרייטן זיך צו מיט תפילה, עצות, חיזוק און שכל כדי זוכה צו זיין צו האבן א רואיגן, פרייליכן און שיינעם יום טוב, זיצט זיך דער ס"מ מיט זיין גרופע און זיין סטעף און ער האט אויך א מיטינג. ער מאכט אויך סטראטעגיעס וויאזוי צו 'צושטערן' אונזער שמחת יום טוב. ער שמועסט זיך שטילערהייט אפ, אז פונקט א שעה פארן זמן זאל א גאנצע פלאש גרעיפ זשוס זיך אויסגיסן אויף די פריש אויפגעוואשענע פלאר.

ער ערלעדיגט ביי זיינע משרתים צו מאכן אז דער מאן זאל אהיימקומען אפגעמוטשעט און פארשוויצט, און פארגעסן צו באדאנקען זיין ווייב פאר די פיינע קרעפלעך וואס זי האט מיט מסירת נפש געמאכט...

און אזוי האפט ער אז ער וועט דיר אראפווארפן אין א כעס, א רוגזה, און צושטערן דעם שיינעם שלום בית צווישן אייך און די שיינע לופט אין שטוב.

און נישט נאר ערב שבועות, נאר ערב שבת, זונטאג, מאנטאג, דינסטאג און יעדן טאג.

דער יצר הרע שטייט ביים פתח האהל, ביים טיר פון שטוב, און נישט נאר ביי שלום בית, נאר ביי יעדע זאך, און ער איז אזוי וואך און אזוי פריש. ער קומט אויף מיט בייפאלן וויאזוי אונז צו מאכן אראפפאלן אין עצבות, צובראכנקייט און יאוש.

אבער אז מיר ווייסן דערפון, קענען מיר זיך איבערהייבן. אז מיר געדענקן אז דאס איז דער שלעכטער יצר הרע וואס וויל נישט די עבירה, נאר ער וויל דעם יאוש וואס קומט דערנאך, קענען מיר זיך מחזק זיין מיט'ן רבי'ן און אנהייבן פון פריש.

דער רבי דערמאנט אונז: "אם אתה מאמין שיכולין לקלקל, תאמין שיכולין לתקן". אויב דו גלייבסט אז דו האסט געטון נישט גוט, מוזסטו אויך גלייבן אז דו קענסט עס שנעל פאררעכטן און אנהייבן פון פריש; פון יעצט אנהייבן צו זיין גוט.

יא, אוודאי וואלט געווען 'דער חלום' אז מיר זאלן נישט דורכפאלן און זיין 'די מאמע', אדער 'די ווייב', אדער 'די טאכטער' פון די קאלרינג בוך... אבער דאס איז נישט דאס לעבן. דער אייבערשטער האט אונז אריינגעלייגט אין א וועלט פון מענטשן, נסיונות, מצבים און טרדות, און אונזער שיינקייט איז אז דוקא פון דא, און אפילו ווען מיר פאלן אדורך, זיך אויפצוהייבן און אנהייבן פון פריש.

## יא, אוודאי וואלט געווען 'דער חלום' אז מיר זאלן נישט דורכפאלן און זיין 'די מאמע', אדער 'די ווייב', אדער 'די טאכטער' פון די קאלרינג בוך... אבער דאס איז נישט דאס לעבן.

דער ראש ישיבה דערציילט די מעשה אז דער הייליגער מעזריטשער מגיד זכותו יגן עלינו האט געהאט א מנהג אלע יארן מוצאי ראש השנה צו מאכן א סעודה און דערציילן פאר זיינע תלמידים וואס זיי האבן געבעטן ראש השנה, ער האט דאס געוואוסט מיט זיין רוח הקודש און אויך האט ער געזען אין הימל וואס זיי האבן גע'פועל'ט.

איין יאר ביי די סעודה איז דארט געזעצן דער וואסער טרעגער פון שטאט, ער האט אויך געוואלט וויסן וואס מען האט אים אנגעשריבן אין הימל, האט ער געפרעגט דעם מעזריטשער מגיד: "רבי, וואס האב איך געבעטן און וואס האט מען מיר געענטפערט?"

האט דער הייליגער מעזריטשער מגיד זכותו יגן עלינו אים געזאגט: "דו האסט געוויינט ביים דאווענען צום אייבערשטן פארוואס דיין פרנסה איז צו זיין א וואסער טרעגער, האסט געבעטן דעם אייבערשטן אז דו יאר ווילסטו זיצן א גאנצן טאג אין בית המדרש און זיך נישט אזוי מוטשען מיטן ברענגען פרנסה, דו ווילסט דינען דעם אייבערשטן גרינגערהייט".

דער וואסער טרעגער זאגט פארן מגיד: "אמת, דאס האב איך געבעטן", און ער פרעגט דעם מגיד: "וואס האט מען מיר אנגעשריבן אין הימל", זאגט דער הייליגער מעזריטשער מגיד: "אין הימל האט מען געלאכט פון דיר, אין הימל האט מען געזאגט, 'אויב דו וועסט זיצן א גאנצן טאג אין שול - וואס דארף מען דיך האבן?' דער אייבערשטער האט אן א שיעור מלאכים וואס דינען אים - אן זיך מוטשען אויף פרנסה און אן קיין יצר הרע, דער אייבערשטער וויל דוקא הערן דיינע קאפיטלעך תהילים וואס דו כאפסט ארויס אינמיטן דיין ארבעט, ער וויל הערן ווי דו לויבסט אים ווען עס איז דיר שווער". (עצתו אמונה מטות מסעי תשפ"ג)

יא, עס איז זיכער אז אויבן אפלאדירט מען אונז ווען מיר טוען גוטס און ווען מיר זענען זוכה זיך צו גובר זיין, זיך איינצוהאלטן און זיך צו שטארקן.

אבער האסטו אמאל אריינגעטראכט וויפיל מער מען שעצט אונז אויבן ווען מען זעט א בשר ודם, א אידישע מאמע וואס שטייט אין קאך, פארשוויצט, איבערגעשטרענגט, פארלוירן און מיד, און... יא... זי האט זיך פארלוירן, זי האט געשריגן, געבלאזן, געהאט טענות אדער פארשעמט, אבער יעצט נעמט זי חיזוק פונעם רבי'ן און 'זי הייבט אן פריש'. ווער קען דען אפשאצן אזא הייליגע עבודה? נאר דער אייבערשטער ווייסט ווי שווער עס איז אנצוהייבן פון פריש אזויפיל מאל אין איין טאג.

דער הייליגער רבי האט אונז שוין



געזאגט, אז צומאל האט ער זיך אליין באנייט טויזנט מאל א טאג! יעדע זאך וואס דער רבי זאגט אונז, איז פאר אונז "לעובדא למעשה", א חיזוק און א הדרכה דאס נאכצוטון. ביסט געפאלן? שטעל זיך אויף! און ווידער געפאלן? ווידער אויפשטיין. ווידער? יא, ווידער און ווידער און ווידער. דער הייליגער רבי מיט זיינע זיסע עצות איז דאך ווי א גלאז קאלט וואסער אין א הייסן טאג, ספעציעל פאר א אידישע מאמע.

וויפיל מאל טרעפן מיר זיך "פאררעדט, צושריגן, מוטלאז, ווי געטון איינעם,

בארעדט א צוויטן, אדער אפגעזאגט א טובה אן קיין סיבה..." אבער מיר מוזן זיך מחזק זיין מיט'ן רבי'נס לימוד פון 'יעצט'. מיר מוזן געדענקן אז דער עיקר פונעם רבי'ן איז התחזקות און זיך כסדר מחזק זיין.

מיר אידישע מאמעס האבן א גוטע לימוד זכות. וויפיל מאל האלטן מיר פאר די קינדער און דאס קינד זאגט: "איך גיי עס מער נישט טון, איך האב געמאכט א מיסטעיק (טעות)." דעמאלטס פארגעסן מיר צומאל די חינוך כללים און מיר זאגן: "אז דו גייסט זיין וואויל איז גוט." (און צומאל אין א גוטע מינוט געבן מיר אפילו א צוקערל אין די צייט: "דו טוסט אזוי שיין תשובה, מעגסטו האבן א שטיקל קעיק..." ) נו, אויב אזוי, מעגן מיר דאך אויך קומען צום אייבערשטן און זאגן: "אייבערשטער, איך טו תשובה, זיי מיר מוחל, איך גיי שוין עכט זיין גוט. איך האב זיך פארלוירן, איך האב נישט געוואלט, איך בין געווען אנגעשטרענגט, אבער באמת, אייבערשטער, קוק מיין הארץ... איך וויל זיין גוט."

א באקאנטע האט מיר געזאגט מיט שפאס: "ברסלב האט גענומען אלע גרינגע זאכן, ווי זיין פריילין און אנהייבן פון יעצט."

איך האב איר געוואלט זאגן, אז אדער קען זי נישט דעם אפטייטש פון 'גרינג', אדער האט זי נאכנישט פרובירט צו זיין פרייליך אדער אנהייבן פון דאס ניי.

עס איז פיל גרינגער זיך צו קלאפן און אריינפאלן אין א שלעכטע גוסטע, באשולדיגן די גאנצע וועלט אין די אייגענע פראבלעמען און זיך בארעכטיגן, ווי איידער צו זאגן די פאר ווערטער: "אייבערשטער, זיי מיר מוחל; איך ווייס אז איך האב נישט גוט געטון, און איך הייב אן פון יעצט." און דערנאך טאקע אנהייבן פון דאס ניי.

אין די זמירות וואס מען האט לעצטנס געדרוקט אין היכל הקודש, שטייט א הערליכע תפילה וואס מען זאל זאגן לכבוד שבת (כדי זוכה צו זיין יעדן טאג צו שמחת שבת און קדושת שבת). דארט שטייט בערך אזוי: "אייבערשטער, העלף מיר איך זאל גלייבן אז דורך היטן שבת ווערן מיינע עבירות אפגעמעקט, און איך זאל קענען אנהייבן יעדע וואך פון פריש."

אנהייבן פון פריש פאדערט שטארקייט און אויך אמונה. מיר דארפן גלייבן אין צדיקים און גלייבן אין תשובה. איינמאל מען האט תשובה געטון און געזאגט פארן אייבערשטן אז מען הייבט אן פון ניי, דארף מען האלטן דאס ווארט.

ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביי א שיעור: "דער אייבערשטער האט דיר שוין מוחל געווען, יעצט דארפסטו זיך אליין מוחל זיין."

עס איז גארנישט אזוי פשוט אנצוהייבן פון פריש, ספעציעל ווען עס געשעט איינמאל נאכ'ן צווייטן, אבער דער רבי איז אונז מחזק און דער רבי ווייזט אונז א וועג. דורך תפילה והתבודדות וועלן מיר זוכה זיין ווידער און ווידער זיך צו באנייען.

ש. ל. פליישמאן

# איפֿן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## פארקערט און באשערט

דער אייבערשטער אליין טוט צאמפארן,
צוויי פארשידענארטיגע נאטורן,
מען ברעכט טעלער מיט א קראך.

מיט שמחה מען פראוועט א לחיים,
חתן כלה פארקערט ווי אש און מים,
און דאך עס שטימט אזוי צו די זאך.

צוויי זאלן זיין אזוי די פארקערטע,
און יא, ס'איז א שידוך א באשערטע,
ווייל ס'איז פון איין באשעפער גלייך.

ביידע דעם אייבערשטן זיי דינען,
ווילן חן ביי אים געפינען,
די שידוך האלט זיך אויף דעם סמך.

נאך די שבע ברכות די קאפל,
זעען, זיי ענדלען נישט א טראפל,
ווי קומט בונדלעך צום דאך.

זיי ציטערן פון די קאנסעקוועגצן,
ס'איז דא צווישן זיי פיל דיפערענצן,
זיי רעדן אינגאנצן אן אנדערע שפראך.

איינער דווקא נאר דאס דארף,
די עסן זאל זיין מיט ספייסעס שארף.
די אנדערע נאר זיס אונגאריש גלייכט.

איינער זיין שוויס האלט אין איין ווישן,
אויף 67 ער/זי דארף עיר קאנדישאן.
די אנדערע צינד אן נאר "אביסל" סטים ביינאכט.

איינער וויל לעבן אויף א שפארזאמע דרגא,
די אנדערע וויל ספענדן, נישט זיין קיין קארגע.
פארוואס איז ער/זי אזוי, זי/ער טראכט.

ביי איינעם אלעס די לעצטע מינוט געשעהט,
די אנדערע וויל ענדערש פריער ווי שפעט,
זיין אויסגערעכנט ווי א שפילער אויף שאך.

עושה שלום במרומיו אין די הימלען,
דער אייבערשטער אליין בארואיגט די טומלען.
פון אש און מים, א שלום אפמאך.

אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט,
פון פייער און וואסער צוזאמענגעשטעלט.
**ש-מים**[א] האט ער די "**הימל**" געמאכט.

הוא יעשה שלום עלינו בעט,
מיט **תפילה** שלום בית געשעהט,
שני הפכים, מיט ליבשאפט, אונטער איין דאך.

"באשעפער, אן דיר, איך קען נישט, העלף,
איך וויל טון work out אויף מיין סעלף,
איך וויל לעבן נאר פאר דיר השם יתברך".

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**




# דא האט איר
# א שיינע קארטל

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

**צו באקומען ביי קרן הדפסה 718-387-2691 #104**

*sruliHeskel

ג. פעקעטע




# א צונג קען בייטן

...יעדע זאך האט זיין ערשטע מאל.

דאס מאל איז געקומען די ערשטע מאל צו טראגן מיין קליינע יונגל פון צוויי יאר פאר א דענטאל קלינינג און טשעק-אפ.

ס'איז וויכטיג צו אכטונג געבן אויף די ציינער, און אז מ'גייט פאר א קלינינג עס צו פוצן יעדע האלב יאר העלפט עס שטארק צו אז מ'זאל זיך נישט טרעפן נאכדעם מיט אסאך לעכער אדער פראבלעמען. אויב איז יא דא סיי וועלכע פראבלעם אדער לאך אין די ציין, איז עס א גוטע געלעגנהייט צו אויפכאפן און מאכן זיכער עס מסדר צו זיין ווי אמשנעלסטן, עס זאל זיך נישט אנזאמלען בערג, אדער לאמיר בעסער זאגן טאלען פון לעכער אין די ציינער וואס מ'דארף נאכדעם מסדר זיין, און צומאל איז שוין צו שפעט צו ארבעטן אויף א ציין וואס האט נישט באקומען די ריכטיגע קעיר אויפן ריכטיגן צייט.

זיץ איך אזוי אין די ווייטינג רום און איך ווארט אין די רייע אריינצוגיין, מיט מיין קליין קינד וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען ביים דענטיסט.

איך האב געשעפשעט היבש אפאר תפילות, בעטנדיג דעם אייבערשטן אז ער זאל זיך שיין לאזן, וויבאלד דאס איז א נייע זאך וואס ער וועט די ערשטע מאל שפירן.

איך האב אים פרובירט אביסל מסביר צו זיין אז ס'גייט זיין א דאקטאר וואס וועט זאגן "מאך אה" און אפציילן אלע ציינער... אזוי האבן מיר געווארט ביז אונזער רייע.

ענדליך רופן זיי אונז אויס, איך נעם מיין קליין קינד, נישט זיכער אויב ער האט פארשטאנען וואס

איך האב אים פרובירט מסביר צו זיין, און מיר גייען אריין אינעווייניג אין א שטוב.

עס איז געווען א גרויסע בעט פאר א קליין קינד צו ליגן דערויף, און די דענטיסט דארט האט געהאט אסאך עקספיריענס מיט קליינע קינדער, און זיך אנגערופן גלייך אז מאמי זאל זיצן אויף דער בענקל, און האלטן דאס קליין קינד, אז ער זאל נישט קודם ביים זיך אנלאנען אויפן בענקל אנהייבן פילן פארלוירן אין א ווייסטע ברייטע בעט. ווען ער איז געזעצן באקוועם אויפן מאמע’ס שויס, איז געקומען א העלפער און אנגעהויבן רעדן זייער רואיג צום קינד, כאטש די קינד האט נישט פארשטאנען קיין איין ווארט, אבער אלעס האט זי געוויזן מיט איר הענט.

זי האט פארציילט פארן קינד פונקטליך וואס מ’גייט טון. יעדע כלי וואס די דענטיסט נוצט אין די מויל, האט זי קודם אים געוויזן און געשפילט דערמיט מיט אים, ער זאל באקומען עקספאזשור דערצו.

זי האט גענומען די בערשטל וואס איז עלעקטריק, ס’מאכט נויז, און עס געקיצלט אויף איר אייגענע הענט, אויף די מאמע’ס האנט, און דאן אויף די קליינע צוויי יעריגענ’ס האנט.

ער האט זיך צולאכט פון די קיצל.

דאן האט זי גענומען די שפריצער וואס גיבט ארויס וואסער צו רייניגן די מויל, און געשפריצט אויף איר האנט, אויפן מאמע’ס האנט, און צום לעצט אויף זיין האנט.

אזוי איז זי דורכגעגאנגען: די שפיגל, געקנאקט מיט דעם, די שפיציגע אייזן וואס גייט אריין אין די לעכער פון די ציינער, די כלי וואס נעמט ארויס די איבריגע וואסער וואס זאמלט זיך אן אין די מויל בשעת די ארבעט, און אזוי ווייטער.

דאס קליין קינד איז זייער באקוועם געווארן מיט די אלע כלים, און געשפירט ווי ס’איז א שפיל, און נישט געהאט קיין פחד אדער שרעק פון די אלע געצייג.

ערשט דאן האט מען אריינגערופן די דענטיסט אנצוהייבן קוקן און טון די ארבעט אין זיין מויל.

”מאך שיין אה”, הייבט דער דענטיסט אן ביים אריינקומען אין צימער. דער קליינער מויל עפנט זיך און טוט נאך וואס די נורס אויף דער זייט ווייזט אים. ”אהההה”. דער דענטיסט געבט א בליק אריין אין



די מויל און רופט זיך אן הויך, ”דו ווייסט אז ער האט א Geographic tongue- געאגראפיק צונג, יא?”

אלעס איז אריינגעפאלן אין פלאץ מיט די פאר ווערטער.

איך בין צוריקגעפארן צוויי יאר, ווען איך האב געהאלטן דאס פיצל ניי-געבוירן קינד אין מיין האנט און געטראכט צו ער האט א פראבלעם מיט thrush אדער פימפעלס אין זיין מויל. זיין צונג האט געהאט א מאדנע אויסגעקריצטע - איינגעזיגלטע שעיפ דערויף וואס איז געווען שטארק ווייס, אויף האלב זייט צונג.

איך האב זיך געזארגט אז ער האט יעצט הערפיס אדער א געוויסע סארט טראש וואס בעיביס קענען באקומען וואס מאכט זייער אומבאקוועם פארן קינד צו עסן אדער שלינגן, און קען נעמען א שטיק צייט אדורכצוגיין.

איך האב אבער געזען אז דאס קינד איז נישט דווקא אומצופרידן און האט נישט אזויפיל געוויינט ווי א קינד וואס האט דאס ווען, וואלט געוויינט אדער נישט געוואלט עסן.

איך האב זיך אבער געזארגט אז אפשר פאנגט עס יעצט אן ארויסצוקומען און איך האב עס געוואלט פארמיידן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אוועקגיין, ס’זאל אים נישט וויי טון, דאס קינד זאל ווייטער עסן געהעריגערהייט. אזוי איז טאקע געווען, די קינד האט ווייטער געגעסן, אבער די ווייסע איינגעקריצטקייט פון צונג איז נישט אוועקגעגאנגען.

אפאר וואכן שפעטער האב איך באמערקט, עס איז אויף א צווייטע פלאץ אין די צונג. איך האב זיך ווידער אנגעהויבן זארגן, אפשר דאסמאל וועט עס יא אויסקלאפן, און איך וועל זיך דארפן מוטשען מיט א בעיבי וואס שלאפט נישט און עסט נישט. איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן, און ברוך השם, דאס קינד איז געבליבן רואיג און צופרידן, כאטש זיין מויל איז געבליבן מיט די ווייסע גרויסע

געזיגעלטע פינטעלער.

אזוי איז געגאנגען די גאנצע ערשטע יאר, א קליין קינד וואס האט שטענדיג געהאט אין זיין מויל די ווייסע זאך וואס א מאמע וויל נישט זעהן אויף די צונג פון די קינד. נאך א יאר האב איך שלום געמאכט מיט די מצב, אז קוקט אויס ער האט אזא סארט אינטערסאנטע צונג וואס האט א דעמעדזש, א שטיקל איינגעקריצט דערויף, און שטענדיג איז דא די ווייסע באלי אין זיין מויל.

צומאל האב איך זיך געוואונדערט, ווייל איך האב געדענקט אז די ווייסע באלי איז געווען קלענער אדער גרעסער, מער רעכט אדער מער לינק אויפן צונג; אבער ווי לאנג דער קינד איז געווען צופרידן, האב איך נישט געגעבן אן איבריגע זארג דערויף.

א צייט שפעטער האט איינע פון די משפחה אויך באמערקט אויף די ווייסקייט אין זיין צונג, און מיך געפרעגט צו איך געב אים געוויסע מעדיצין צו היילן די פימפעלס, אבער איך האב געזאגט אז איך בין שוין געוואוינט דערצו, אזוי איז זיין צונג און עס איז נישט א זאך וואס טוט אים וויי, ער איז איבער צוויי יאר, און די פימפעל, די ווייסקייט אין זיין מויל האט זיך געהאט זיינע צייטן ווען ס'איז געווען שטערקער, שוואכער, גרעסער, קלענער, נידריגער אדער העכער, און איך האב שוין אויפגעהערט טראכטן דערוועגן.

”דו ווייסט וואס דאס מיינט?” זאגט די דענטיסט ווייטער.

יא, זי האט נישט געדארפט מסביר זיין, ווייל איך האב גלייך געכאפט וואס זי פרובירט צו זאגן. א ”דזשיאגראפיק צינג” איז דאך עפעס אזוי ווי די מאפע פון די וועלט. ס'איז דא א וועלט מיט זיבן לענדער, יעדע לאנד האט זיך זיין אייגנארטיגע שעיפ און זיין פלאץ אויפ'ן מאפע אין די וועלט.

ווען זי האט דאס ארויסגעזאגט האט עס מיר דערמאנט אט פון דעם, אז שטענדיג אויפ'ן צונג פלעג איך זען א צווייטע שעיפ אויף א צווייטע פלאץ פון די צונג, וואס קוקט ווען אויס ווי איין לאנד אויפ'ן וואסער פון די מאפע.

און אזוי האט די דענטיסט טאקע מסביר געווען, זי האט קלאר געשטעלט אז ס'איז נישט קיין פראבלעם, ס'איז נישט קיין ווייטאג, ס'איז פשוט א סארט צינג וואס מאכט זיך צומאל. (ווען דער אייבערשטער וויל)

מוהרא"ש איז מסביר אז יעדע משפחה איז ווי אן אייגענע וועלט; יעדע קינד ווי א צווייטע לאנד מיט אנדערע סארט נאטורן און באוועגונגען.

איז דא א קינד וואס פירט זיך ווי שווייץ, האט נישט מיט קיינעם, טוט זיך זיינס, און לעבט זיך א רואיגע לעבן. א צווייטע קינד וועט דווקא יא האבן צו טון מיט אלעמען, זיך אריינמישן ביי א צווייטן, און פרובירן ווי מער אנצודרייען מחלוקת, מלחמות, און אזוי ווייטער.

א דריטע קינד וועט אלעמאל וועלן זיין אמעריקא, די פיסמעיקער- דער וואס שטעלט זיך ארויס צו מאכן שלום צווישן צוויי קריגעדיגע לענדער.

א פערטע קינד וועט האבן זיינע נאטורן און מידות פון דיקטאטורשיפט, ווי רוסלאנד אדער טשיינע, וואס ווילן איינטיילן פאר זייערע בירגער פונקטליך וואס און ווען און וויאזוי זיך צו פירן, און אזוי ווייטער.

זאגט מוהרא"ש אז די עלטערן זאלן זיין ווי די UN- יו-ען, די הויפט ארגאניזאציע וואס פרובירט צו מאכן שלום צווישן די אלע סארט לענדער.

וויאזוי טוט מען דאס?

קודם אוודאי מיטן וויסן אז חנוך לנער על פי דרכו, יעדע קינד דארף א צווייטע צוגאנג אין חינוך. צווייטנס, מיט אסאך אסאך תפילות, בעטן דעם אייבערשטן פאר די ריכטיגע צוגאנג צו יעדע קינד, און פרובירן מיט זייערע נאטורן זיי צו העלפן.

ס'איז אבער דאך וויכטיג צו געדענקען, אז אפילו דו האסט שוין אפגעשטעמפלט איין קינד, ”דאס קינד איז ממש א מזרחי'שע, דאס קינד איז א רואיגע, און יענע קינד איז גאר זייער לאנגווייליג”, איז דאך דא די געדאנק פון א דזשיאגראפיק צונג. מיט דיין תפילות קענסטו איבערדרייען דיין קינד, קענסטו טוישן דיין קינד, כאטש עס האט פריער אויסגעקוקט אז דאס איז דאס, די נאטורן באלאנגען פאר די קינד, עס איז אייגעקריצט אין זיין DNA, אבער מיט דיין צונג קענסטו טוישן די דזשיאגרעפיקס אין דיין משפחה, ביי דיין קינדער.

די נאטורן וואס מיר גלייבן זענען אזוי שטארק איינגעבאקן און ”סעט אין סטאָון”, אז ס'איז א זאך וואס מ'קען נישט טוישן אין א מענטש, מיטן צונג אבער, מיט תפילות, מיט גיסן אסאך תפילות, קען מען אלעס טוישן.

אפילו עס זעט שוין אויס שטארק געזיגלט אויפן מאפע; דא איז אמעריקע, דא איז עיזשע, דא איז יוראפ, דא איז אפריקע, אנטארקטיקע, און אויסטראליע, אלעס קען זיך דאך בייטן מיטן צונג.

# Cheese Blintzes

S. LEVY

רעצעפּי פֿונדערהיים

## INGREDIENTS

Crepes:
4 eggs
2 tbsp oil
1 cup flour
1/2 cup sugar
8 oz sour cream
3/4 cup milk
Place in 32 oz container mix with hand blender, then fry.

Cheese filling:
1 lb farmer cheese
4 oz cream cheese
1 vanilla sugar
About 1/3 cup sugar
1 or 2 tbsp sour cream
Blend by hand

Strawberry sauce:
4 tbsp confectioners sugar
1 tbsp vanilla sugar
1 lb frozen strawberries
Blend

## DIRECTIONS

Fill crepes with cheese and serve with strawberry sauce on top or on the side. Enjoy!



**כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה.**

מענטשן ווערן זייער דערשראקן אויב זיי וועלן טאקע זוכה זיין, ווייל אפשר בין איך נישט קיין ריכטיגע מתאבל.

דער ראש ישיבה דערמאנט אונז כסדר אין די דריי וואכן וואס דאס מיינט, פשוט פאלגן וואס שטייט אין שולחן ערוך. למשל נישט עסן קיין פליישיג'ס אין די ניין טעג.

לאמיר טאקע זיין פון די ריכטיגע מתאבלים, און פאלגן פשוט וואס שטייט אין שולחן ערוך.



# קינדער היים



דעם רבינ'ס חדר:

## וועלכע שיחה?

געב א שמייכל:

## ווער בין איך?

# דעם רבינ'ס חדר

## ברסלב'ע חידות

**חז"ל זאגן, אין יעדע דור וואס דער בית המקדש ווערט נישט אויפגעבויט**

א. ווערט מען ווייטער פון די שכינה
ב. דארף מען מער קלאגן אויפן חורבן
ג. דארף מען תשובה טון
ד. איז כאילו ס'איז חרוב געווארן אין יענעם דור

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ג): "ווען א מענטש וויל גיין צום דאקטער זיך היילן, זאל ער געבן צדקה פאר ער גייט זיך היילן."

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֲכִילָה**

**ו. מִפְּנֵי מַה נִּתְחַיְּבוּ יִשְׂרָאֵל כְּלָיָה, מִפְּנֵי שֶׁנֶּהֱנוּ מִסְּעֻדָּה שֶׁל אוֹתוֹ רָשָׁע.**

פַארְוָואס זֶענֶען דִי אִידְן גֶעוָוארְן מְחוּיָב צוּ פַארְטִילִיגְט וֶוערְן? וַוייל זֵיי הָאבְּן הַנָּאָה גֶעהַאט פוּן דִי סְעוּדָה פוּן דֶעם רָשָׁע אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ.

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**



**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי זאגט: "די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק - געפינט זיך אין זיינע ספרים"

## געב א שמייכל

**איך לעב, איך האב איין בויך, אפאר ווידלעך, איך קען טאנצן, און איך וואקס יעדעס יאר איין אינטש. ווער בין איך?**

א [illegible]

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א, גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



# מִשְׁפַּחַת גליק

## שְׁפְּרִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

צוּרִי דֶערְצֵיילְט: אַ מְחַיֶה שַׁבָּת! אוֹי, וְוי גוּט שַׁבָּת! אַ גַאנְצֶע וָואךְ וַוארְט אִיךְ שׁוֹין פַאר שַׁבָּת!

נָאךְ אַ גֶעשְׁמַאקֶע שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג שְׁלָאף, זֶענֶען מִיר אַרוֹיס אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר.

דִי וֶועטֶער אִיז גֶעוֶוען הֵייס, אָבֶּער מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶע ווִינְטְל.

אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג, בַּאמֶערְקְן מִיר אַ מִשְׁפָּחָה פוּן הֶערְשְׁן, אַ טַאטֶע הֶערְשׁ, אַ מַאמֶע הֶערְשׁ, אוּן אַ קְלֵיינֶע בֶּעיבִּי הֶערְשׁ וָואס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַפָּאר טֶעג אַלְט.

מִיר הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ בַּאטְרַאכְטְן דִי בַּאשֶׁעפֶערְ׳ס ווּאוּנְדֶער.

פְּלוּצְלִינְג הָאט דֶער טַאטֶע הֶערְשׁ גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אִיבֶּער דִי צוֹים וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְט.

גְלַייךְ דֶערְנָאךְ הָאט דִי מַאמֶע הֶערְשׁ אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען דִי צוֹים. וֶוען דִי בֶּעיבִּי הֶערְשׁ הָאט דָאס גֶעזֶען, הָאט עֶס פְּרוּבִּירְט נָאכְצוּגֵיין, אָבֶּער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט. דִי בֶּעיבִּי הֶערְשׁ הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ גֵיין אַהִין אוּן צוּרִיק.

עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעבּוֹיגְן אוּן זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ הֵייבְּן הֶעכֶער, אָבֶּער דִי בֶּעיבִּי הֶערְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּמֶען צוּ דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע הֶערְשׁ.



אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעקוּקְט פַאר אַפָּאר מִינוּט, וְוי דִי בֶּעיבִּי הֶערְשׁ פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען דֶערְגְרַייכְן דִי עֶלְטֶערְן.

בְּשְׁעַתְ׳ן אַוֶועק וָואקְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וְוי אַזוֹי קֶען אַ טַאטֶע אוּן אַ מַאמֶע זַיין אַזוֹי שְׁלֶעכְט אוּן אִיבֶּערְלָאזְן זֵייעֶר קִינְד?"

"דוּ וֵוייסְט, צוּרִי" הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ מַיין אַז דִי טַאטֶע הֶערְשׁ אוּן דִי מַאמֶע



ח. צ. גליק

הֶערְשׁ טוּעֶן דָאס דַוְקָא, וַוייל זֵיי ווִילְן לֶערְנֶען זֵייעֶר קִינְד ווִי אַזוֹי צוּ שְׁפְּרִינְגֶען גָאר הוֹיךְ.

אוֹיבּ זֵיי גֵייעֶן נָאר אִין פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁפְּרִינְגֶען, דַאן ווִי אַזוֹי וֶועט דִי בֶּעיבִּי הֶערְשׁ בִּכְלַל ווִיסְן אַז עֶס קֶען שְׁפְּרִינְגֶען גָאר הוֹיךְ, אָבֶּער אוֹיבּ זֵיי גֵייעֶן אַבִּיסְל וַוייטֶער, אִיז דִי בֶּעיבִּי הֶערְשׁ גֶעצְווִינְגֶען צוּ שְׁפְּרִינְגֶען, דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי נִישְׁט שְׁלֶעכְט, דִי טַאטֶע הֶערְשׁ אוּן דִי מַאמֶע הֶערְשׁ, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, זֵיי זֶענֶען גוּטֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי הֶעלְפְן זֵייעֶר קִינְד וַואקְסְן אַ גֶעזוּנְטֶע הֶערְשׁ". "דוּ וֵוייסְט מַאמִי וָואס עֶס הָאט מִיר יֶעצְט אַרַיינְגֶעבְּלִיצְט?" הָאט מַיין טַאטֶע זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "עֶס אִיז פּוּנְקְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַפָּאר מָאל קֶען עֶס אוֹיסְזֶען ווִי דֶער בַּאשֶׁעפֶער כִּבְיָכוֹל גֵייט חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק פוּן אוּנְז, עֶפֶּעס גֶעשֶׁעט צוּ אוּנְז וָואס קֶען פִילְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט.

לְמָשָׁל, מֶען פִילְט נִישְׁט גוּט, מֶען צוּקְלַאפְּט זִיךְ, מֶען פַארְלִירְט עֶפֶּעס, אָבֶּער אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק פוּן אַ מֶענְטְשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר מִיר זָאלְן פִילְן וַוייט פוּן אִים כְּדֵי צוּ זֶען וָואס מִיר וֶועלְן טוּן. וֶועלְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים, אוּן מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים אַלֶעס בֶּעטְן, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם וֶועלְן מִיר טְרַאכְטְן עֶס אִיז נִישְׁט גוּט, פַארְוָואס אִיז אַזוֹי גֶעשֶׁען, אוּן אָנְהוֹיבְּן צוּ וֵויינֶען אוּן שְׁטוֹיסְן".

מִיר הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ אוּנְזֶער טַאטֶע'ס קְלוּגֶע רֵייד, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אָנְגֶערוּפְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אִיךְ זָאל אַלֶעמָאל קֶענֶען אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעפִילְן אוּן נָאר גֵיין צוּ דִיר."



# יאָרצייט פון די וואָך

דער הייליגער
## ישמח משה
זי"ע

יארצייט:
כ"ח תמוז

**דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מָאנְטָאג כ"ח תַּמּוּז גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן אוּן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער "יִשְׂמַח מֹשֶׁה" רֶבִּי מֹשֶׁה בֶּן צְבִי הִירְשׁ זצוק"ל.**

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז צוּם עֶרְשְׁט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חָסִיד. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ הֵיילִיגֶע אֵיידֶעם דֶער אַרְיֵ דְּבֵי עִילָאִי. דֶער אַרְיֵ דְּבֵי עִילָאִי אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד אַ תַּלְמוּד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין.

עֶר אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטַאנֶען פִילֶע רְדִיפוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת אָבֶער עֶר הָאט אוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט אוּן אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן דֶער אַרְיֵ דְּבֵי עִילָאִי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוֹיפְ'ן פָּסוּק אִין תְּהִלִּים, "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ" אוֹיבּ אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט צַדִיקִים אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז זִינְדִיג. (וִוי מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט כְּסֵדֶר זָאגְן).

שְׁפֶּעטֶער אִיז מֶען גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע בַּעַל עֲבֵירָה. וֶוען דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זַיין אֵיידֶעם אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז חֲסִידִים זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף זֵיי.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז אוֹיךְ דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם אוּן עֶר הָאט פַארְלוֹירְן אַסַאךְ גֶעלְט. עֶר הָאט גֶעהַאט צוּגֶעזָאגְט נַדָן, דָאס הֵייסְט גֶעלְט צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין אֵיידֶעם אוּן עֶר הָאט אִים דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעבְּן. דָאס הָאט פַארְשַׁאפְט גְרוֹיס צַעַר פַארְ'ן צַדִיק.

וֶוען דֶער אֵיידֶעם, דֶער אַרְיֵ דְּבֵי עִילָאִי הָאט גֶעהֶערְט אַז זַיין שְׁוֶוער אִיז בַּאאֵיינְדְרוּקְט גֶעוֶוען פוּן דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט צוּ מְקַרֵב זַיין דֶעם הֵיילִיגְן שְׁוֶוער צוּם דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת.

עֶר אִיז אַרַיין צוּ זַיין שְׁוֶוער אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר ווִיל בֶּעטְן אַז דֶער שְׁוֶוער זָאל קוּמֶען מִיט אִים אֵיינְמָאל צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה.

עֶר הָאט פַארְשְׁפְּרָאכְן פַארְ'ן שְׁוֶוער אַז אוֹיבּ דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז מַסְכִּים צוּ קוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי אִיז עֶר מְוַותֵּר אוֹיף דִי גַאנְצֶע נַדָן.

דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט שׁוֹין אַבִּיסְל גֶעזֶען אוּן גֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אֲזַי דָא אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט אַרוּם "חֲסִידוּת", אָבֶער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁאֵלָה וָואס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעדְרוּקְט.

עֶר הָאט זִיךְ אַלֶעמָאל גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם וָואס חֲסִידִים דְרֵייעֶן זִיךְ אַלֶעמָאל אַזוֹי פְרֵיילִיךְ בִּשְׁעַת וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵאֵי שָׁמַיִם דַארְף כְּסֵדֶר טְרוֹיעֶרְן אוּן קְלָאגְן אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן דִי טִיפֶענִישְׁן פוּן מַיין הַארְץ. הֶעלְף מִיר אַז עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שְׁוֶוער בְּלַייבְּן קַיין קַשְׁיוֹת. הֶעלְף מִיר אַז דֶער צַדִיק זָאל מִיר פַארְעֶנְטְפֶערְן מַיין שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאבּ. אֵיי פַארְוָואס בֶּעט אִיךְ אַז דֶער צַדִיק זָאל מִיר קְלָאר מַאכְן, וַוייל דִי חֲכָמִים זָאגְן הַבָּא לְטַהֵר אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט זִיךְ רֵיינִיגְן מְסַיְּעִין אוֹתוֹ, הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל. עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין "מְסַיֵּעַ" אַז דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְסְט אִים, נָאר עֶס שְׁטֵייט מְסַיְּעִין, וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף אַ לָשׁוֹן רַבִּים, אוֹיף אַפָּאר מֶענְטְשְׁן.

וַוייל דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז דִי צַדִיקִים הֶעלְפְן אוּנְז צוּ אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר אַז

דֶער צַדִיק זָאל מִיר אוֹיסְקְלָארְן אוּן מִיר וַוייזְן אַ וֶועג אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן."

ווִי נָאר דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין תְּפִלָּה אוּן עֶר אִיז אַרַיין צוּם חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין, הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים, "פַארְוָואס אִיז אַייעֶר פָּנִים אַזוֹי אוֹיסְגֶעמָאגֶערְט (טְרוֹיעֶרִיג) הַיינְט? עֶס אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג אַז עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יְרֵא שָׁמַיִם דַארְף שְׁטֶענְדִיג טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דֶעם חוּרְבָּן, אָבֶּער מִיר וֵוייסְן אוֹיךְ אַז "צָהֲלָתוֹ בְּפָנָיו וְאֶבְלוֹ בְּלִבּוֹ, "אוֹיפְ'ן פָּנִים וַוייזְט מֶען אַ פְרֵייד אוּן אִין הַארְצְן אִיז מֶען טְרוֹיעֶרִיג.

גְלֵייבְּטְס מִיר, "הָאט דֶער חוֹזֶה אוֹיסְגֶעפִירְט, "מִיר זָאגְן יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וַוייזְן מִיר אַ פְרֵיילִיךְ פָּנִים פוּנְדְרוֹיסְן." אוּן דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁמֶעלְקָא פוּן נִיקְלְשְׁבּוּרְג הָאט דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל.

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס אִיז פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן וַוייט פוּן זַיין פַּאלַאץ. זַייעֶנְדִיג וַוייט אַוֶועק פוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי זַיין פְרַיינְט. דֶער פְרַיינְט אִיז זֵייעֶר בְּצַעַר גֶעוֶוען זֶעעֶנְדִיג דֶעם קֶענִיג אַזוֹי בְּצַעַר אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז עֶר הָאט דִי זְכִיָּ' אַז דֶער קֶענִיג טוּט אַיינְשְׁטֵיין בַּיי אִים.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט אוּנְז. דִי שְׁכִינָה אִיז אִין גָלוּת, וַוייל דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז מֶער נִישְׁט דָא. אוּן דָאס אִיז אַ צַעַר אוּן אַ וֵוייטָאג אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וַוייזְן מִיר אוֹיךְ אַרוֹיס שִׂמְחָה, וַוייל דֶער קֶענִיג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז הַיינְט דָא מִיט אוּנְז, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז זֵיי הוֹיז צְוִוישְׁן אוּנְז.

אוֹיךְ הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט, "אִין אֶמֶת'ן דַארְף מֶען נִישְׁט רֶעדְן דֶערְפוּן (פוּן דֶעם אַז וֶוען קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט פְּרַאוֶוען דִי צַדִיקִים גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת) אָבֶּער אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן, הַבָּא לְטַהֵר מְסַיְּעִין אוֹתוֹ, אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ. עֶס וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט שְׁטֵיין "מְסַיֵּעַ" דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, אוּן עֶס שְׁטֵייט דָאךְ מְסַיְּעִין, אַ לָשׁוֹן פוּן אַסַאךְ. דָאס קוּמְט וַוייזְן אַז אוֹיבּ אַ אִיד ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, הֶעלְפְט אִים צַדִיקִים צוּ אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן."

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אוּן זַיינֶע סְפֵיקוֹת זֶענֶען אִים אַזוֹי וואוּנְדֶערְלֶעךְ פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיי חֲסִידִישֶׁע רֶבִּי'ס אוּן אִיז נָאנְט גֶעוָוארְן צוּ דֶרֶךְ הַחֲסִידוּת.

## גֶעהָאלְפְן אִידְן דוּרְךְ תְּפִילָּה

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע כֹּחַ פוּן הִימְל צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעהַאלְטְן זֵייעֶר קְלֵיין אוּן וֶוען אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט אַ צָרָה פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דֶעם אִיד צוּם הֵיילִיגְן חוֹזֶה, אָדֶער צוּ ר' מֶענְדֶעלֶע מְרִימִינָאוו, דֶער קָאזְנִיצֶער מַגִיד אוּן אַנְדֶערֶע צַדִיקִים.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ קְרַאנְקֶע אִיד צוּם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה אוּן דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט ווִי שְׁטֶענְדִיג, אִים גֶעשִׁיקְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֶענְדְלֶע מְרִימִינָאוו. וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, הָאט רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים, "גֵיי צוּרִיק צוּם אוּהְלֶ'ער רָב (דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען רָב אִין אוּהֶעל) אוּן זָאג אִים אַז עֶס אִיז צַייט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי קִינְדֶערִישֶׁע שִׁיךְ אוּן אִיךְ וֵייס אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶר אִיז רָאוּי' (קֶען) פְּרַאוֶוען מוֹפְתִים פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער."

אַזוֹי ווִי דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעפָאלְגְט אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַ יְשׁוּעָה פַאר דֶעם אִיד אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אַזוֹי לַאנְג ווִי דֶער הֵיילִיגֶער חוֹזֶה הָאט גֶעלֶעבְּט, הָאט עֶר אָבֶּער וַוייטֶער גֶעשִׁיקְט אִידְן צוּ אִים, אוּן וֶוען זַיינֶע רֶבִּי'ס, דֶער חוֹזֶה, ר' מֶענְדֶעלֶע' אוּן דֶער קָאזְנִיצֶער מַגִיד זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען הוּנְדֶערְטֶער אִידְן גֶעקוּמֶען צוּ זַיין טִיר בֶּעטְן בְּרָכוֹת וָואס זֶענֶען מְקַיֵּים גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַסַאךְ יְשׁוּעוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער דוּרְךְ זֵיי גֶעבְּן הֵיילִיגֶע "קְמֵיעוֹת". אַ קַמֵיעַ אִיז אַ שְׁטִיקְל פַּאפִּיר וָואס אוֹיף דֶעם וֶוערְט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן הֵיילִיגֶע שְׁמוֹת.

אֵיינְמָאל הָאט אַ חָסִיד גֶעהֶערְט ווִי דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה שְׁרַייבְּט אַ קַמֵיעַ אוּן עֶר זָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט פַאר מַיין כָּבוֹד נָאר פַארְ'ן כָּבוֹד פוּן דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זֶען אוּן ווִיסְן דִי גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה וָואס לִיגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שֵׁמוֹת. וֶועגְן דֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיט דִי כֹּחַ פוּן קִידוּשׁ הַשֵּׁם (גְרוֹיס מַאכְן דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער'ס נָאמֶען) זָאל דִי קַמֵיעַ הֶעלְפְן פַאר דֶעם אִיד."

אוּנְזֶערֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען ווִי מַלְאָכִים הָאבְּן אוּנְז אָבֶּער מִיט יֶעדֶע זַאךְ גֶעוָואלְט עֶפֶּעס לֶערְנֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה וֶועלְכֶע הָאט גֶעהַאט אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען נִסִים פַאר אִידְן הָאט אוּנְז אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי סוֹד ווִיאַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְבֶּעטְן נִסִים. מִיט דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה הָאט עֶר גֶע'פּוֹעֶלְ'ט נִסִים פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

לָאמִיר בֶּעטְן דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זָאלְן אַלֶע זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן טְרַאכְטְן נָאר פוּן דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן זָאלְן מִיר נָאר בֶּעטְן פוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער











**די מאמע בער זאגט פאר די קינדער בערעלעך: בעטס דעם אייבערשטן יעדן טאג וואס ענק דארפן.**

געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



# קליין און שיין


אברהמי יאקאבאוויטש


אדי אינדארסקי


אליעזר שלמה בוים - אב סיום


נתי פריעדריך


ערשטע קלאס שטעטל


אדי ראזענבערג


משפחת ווערטהיימער


יואלי בירנבוים


יושע גראסמאן


קיילי ווייס



רפאל פפנהיים
אור החיים לייבן גרוב




ארי לעווין



הענטשי לעווי בית פיגא בני ברק



יואלי בירנבוים



יוסף און נחמן נתן רוטה



לאה סאמעט



לאה'לע קורץ



מלכי ראטה



נורסערי



צפורה בירנבוים



רחל פעסי גאנצפרייעד



שרי פריינד

# שרייב טישל

## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ש | ט | ר | ו | י | ע | ר | נ | א |
| פ | ב | י | ב | כ | ל | ל | ב | ו |
| כ | ס | ר | פ | ל | ח | א | ר | י |
| ד | ע | מ | ר | י | נ | י | ו | ס |
| כ | י | ב | ט | ט | פ | י | ח | ג |
| ק | ל | ד | ע | פ | ר | ב | מ | ע |
| ק | ז | ב | ל | ת | א | ע | ג | ל |
| ל | נ | י | ו | ש | ד | ר | נ | י |
| ו | ו | ע | ר | נ | כ | ש | מ | י |
| פ | ת | ג | א | מ | ר | ט | ע | ז |
| ו | ו | ו | ס | נ | י | נ | ד | ט |
| צ | ו | א | ל | ה | מ | ר | נ | נ |
| ט | ו | א | מ | ג | ת | י | י | צ |
| ו | ז | ק | כ | ר | ח | א | ר | ט |
| מ | ד | ז | ע | נ | ו | ב | צ | ב |
| ש | י | י | י | ר | ד | י | נ | י |
| כ | פ | ר | ב | ח | ש | ת | ז | ו |
| פ | ו | נ | פ | י | ו | א | ה | ה |
| ב | י | ט | ע | ר | נ | א | מ | ס |

אין דעם חודש הויבט זיך אן די דריי וואכן וואס מיר טרויערן אויפ'ן חורבן בית המקדש, מיר דארפן בעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן שוין ווערן אויסגעלייזט פון דעם ביטערן גלות בכלל ובפרט.

*(עצתו אמונה קרח תשפ"ב)*

## טרעף די וועג

**אין די דריי וואכן טאר מען נישט הערן קיין מוזיק.**





# מיט תפלה






געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**

די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון "קול ברסלב". לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.

# א הארץ
# שפירט
# א הארץ

מיט הארץ

נשי חיל קאמפיין תשפ"ו

נשי שלופינו זענען מלא ענערגיע פאר א
פרישע קאמפיין פאר דאס וואס איך
באקום א גאנץ יאר. אבער מיט הארץ.